STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06231

# LIDER UN OPSHATSUNGEN

Annie Bushel-Solow

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנה בושעל - סאַלאָוו

# לידער און אָפּשאַצונגען

מיט אַ נאָכוואָרט פון

י. בירנבוים

●

אַרויסגעגעבן פון בענדזשאַמין סאַלאָוו (אין האָליוווד, קאַליפאָרניע)

געדרוקט אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס, 1959

**ANNIE BUSHEL SOLOW**

# VERSOS Y RESEÑAS

---

Impreso en la Argentina

Printed in Argentine

Hecho el depósito que marca la Ley

Cop. by

**BENJAMIN SOLOW**

5743 Rhodes Ave. North Holiwood

---

**EDITADO POR LA EDITORIAL BENJAMIN SOLOW**

**North Holiwood. U. S. A.**

# ראַלף סאָלאָוו ע״ה

עס איז זייער שווער צו שרייבן, און עס גלייבט זיך גאָרניט, אַז אָט-דער ל י ב ע ר, פריינטלעכער, גוטער מענטש, ראַלף סאָלאָוו, איז מער נישטאָ. עס איז שווער צו גלייבן און שווער צו באַשרייבן, וואָס פאַר אַ טיפן געפיל פון צער ס'רופט אַרויס ביי די אַלע, וואָס האָבן א י ם געקענט און האָבן אים הויך געשעצט. מ י ר באַדויערן אַלע זיין פריצייטיקן טויט.

> דאָס בוך לידער איז געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון ראַלף סאָלאָוו

ראַלף סאָלאָוו איז געקומען אַהער קיין אַמעריקע אין זיינע גאָר יונגע יאָרן פון סלאָנים. האָבנדיק פאַרענדיקט אין דער היים אַ רעאַל-שולע, האָט ער דאָ שטודירט, געלערנט און געווען אַ גרויסער שפּראַכן-קענער.

מיט זיין פרוי, דער באַגאַבטער און פיינער דיכטערין חנה בושעל-סאָלאָוו, וואָס איז אויך געבוירן אין סלאָנים, האָט ער חתונה געהאַט דאָ אין אַמעריקע. ער איז געווען איר לערער און איר וועגווייזער; איז געווען גליקלעך און שטאָלץ מיט דעם זייער פיינעם בוך לידער, „מיינע בלעטער”. וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן און וואָס האָט געקראָגן אָנערקענונג ביי דעם ייִדישן עולם. ער האָט געטרוימט אינגיכן אַרויסצוגעבן איר צווייטן בוך געזאַמלטע לידער און האָט מיט גרויס ליבשאַפט אָפּגעהיט און געקליבן ליד צו ליד... און בכלל איז ער געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון פּאָעזיע, פון ייִדישן ליד... און אַזוי אומגעריכט, אַזוי פאַר דער צייט, איז אַוועק אָט-דער פיינער, גוטער ליכטיקער מענטש!

ערע זיין אָנדענק!

און דאָס זאָל זיין די טרייסט פאַר זיין ליבער פרוי, דער דיכטערין חנה בושעל און זייערע ליבע צוויי זין.

שרה רייזען 1)

1) שרה רייזן איז אַברהם רייזנס שוועסטער און אַליין אַ באַגאַבטע דיכטערין.

פון דער זעלבער דיכטערן איז
מיט עטלעכע יאָר צוריק אַרויס
אַ ביכל לידער „מײַנע בלעטער"

דאָס דאָזיקע ביכל איז צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק און קאָרעגירט געוואָרן
פון י. בירנבוים
אין בוענאָס־איירעס

Este libro se terminó imprimir el 30 de noviembre de 1959, en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO HNOS., San Luis 3149, Buenos Aires.

# אין אָנדעק פון מײַן מאַן און ח׳ ראַלף סאָלאָוו

## פרײַטיק־צו־נאַכט

(צום דריטן יאָרצייט פון מיין מאַן, ראַלף סאָלאָוו)

גענקומען איז די שווערע נאַכט,
די נאַכט פון שטורעם און פון פייער —
די שווערע בשורה מיר געבראַכט,
אַז אַוועק איז מיין געטרייער!...

שאָטנס טונקעלע באַדעקן די ווענט,
אויסגעלאָשן איז דאָס ליכט!
ס׳איז דער שטורעם אָנגעקומען
אַזוי אינגאַנצן אומגעריכט!

ער האָט געקלאַפּט אין מיין טיר,
געריסן מיינע פענצטער —
אָנגעזאָגט: ניטאָ מער שוין
דער איידעלער, דער שענסטער!...

געווען איז עס פרייטיק נאַכט, —
מ׳האָט די בשורה מיר געבראַכט, —
אַז ער האָט אויף אייביק שוין
זיינע אויגן צוגעמאַכט!...

אין אַזאַ אַ פרייטיק נאַכט
האָט זיך גורל־שיף געטרונקען!...
טיף צום שוואַרצן אָפּגרונט
איז זי גיך אַראָפּגעזונקען!...

## מײַן חבר איז אײַנגעשלאָפֿן

אַט שוין ווידער קומט דער פרילינג,
דער הימל בליט מיט גאָלד און זון —
און מיין חבר ז׳איינגעשלאָפן,
און ווייסט אַפילו ניט דערפון...

ווידער בליען־אויף די וועלדער,
ס׳שפּראָצן בלומען גאָלדיק רויט —
און מיין חבר ז׳איינגעשלאָפן,
פון שטורעם־ווינט און פיין באַגלייט!...

און אַט קומען פייגלשע כאָרן
און פלאַטערן, פילדערן מיט זייער געזאַנג;
און דו, מיין ליבער חבר גוטער,
גייסט נישט אַרויס פון מיין געדאַנק.

ס׳לעבן־אויף אין מיין זיכרון
דיין צייט פון יוגנט און פון ברויז,
ווו דיין לעבן האָט געבליט,
ווי אין גאָרטן ס׳בליט אַ רויז!

און איצט איז אַלעס שוין פאַרפלויגן,
יוגנט, לעבן, פרישע בלומען —
און איך פאַרמאַך צום שלאָף די אויגן
און טראַכט: אין חלום וועסט אפשר קומען!

## נאָר איין בערגל שטום

שוין שפּראָצן פרילינג־בלומען,
ס׳איז פרילינג ווידער אָנגעקומען —
פייגל קומען שוין צופליען,
עס וועט ווידער וואַקסן בליען.

פאַסטעך וועט אויף פייפל שפּילן
און אַזוי זיין בענקשאַפט שטילן —

אויפגיין וועלן אַלע פלאַנצן,
באַרג און טאָל מיט גרינס באַקראַנצן.

פייגל־פלאַטער איבער פעלד
באַגריסן, זינגען צו דער וועלט;
נאָר איין בערגל גרוי און שטום
קוקט צום הימל דאָרט אַרום!

ס'איז שטיל און טרויעריק, לגמרי שטום,
באַלייגט מיט אומעט אַלץ אַרום —
איבער בערגל בלימלעך בליען,
איבער בערגל פייגל פליען!

## ל ז י כ ר ו ן

באַלד וועט שוין דער יום־טוב קומען
און איך וועל דעמאָלט שטומען, שטומען —
ווי דער בוים אין וויסטן פעלד,
ערגעץ אונטער באַרג פאַרשטעלט!

ער וועט דאָך שוין ניט קומען אַהער
און מער ניט זען מיין הייסע טרער —
מער נישט פילן בענקשאַפט מיין,
מער ניט זען מיין שטילע פיין!

ער וועט דאָך דאַן שוין זיין אין הימל
אויף אַ שטערנדל אַ בלימל —
פון מיין גאָרטן אויסגעפליקט
און פון שטורעם־ווינט געשיקט!

איצטער פלעכט איך שורות ווידער
און פון מיין בענקשאַפט שטראָמען לידער —
ביז עס קומט די גרויע נאַכט,
טיר און לאָדן צוגעמאַכט...

## צו וואָס מײַן טרער?

אַז פאַראַן איז האַנט, וואָס גלעט —
איז נאָך אַלץ ניט צופיל שפּעט
זיך צו נעמען פרייד פון לעבן,
זיך דעם סוף ניט אָפּצוגעבן.

אַז פאַראַן איז האַנט וואָס גלעט,
איז גיין אויף וועגן ניט צו שפּעט —
דאָרט, וווּ ס׳וואַרפט די זון מיט ליכט
אין מיין בלייכן געל געזיכט!

און אַז עס בליט אַ בלום
אין מיין גאָרטן דאָ אַרום —
וועלן זיכער קומען בלעטער
גאָלדן־געלע וואָכן שפּעטער...

אַז ס׳איז פאַראַן אַ מענטש אַ ליבער,
איז דער טאָג שוין ניט קיין טריבער —
איז די נאַכט גאָר ניט שווער,
איז צו וואָס־זשע דאָ מיין טרער?

## מײַן חבר און פרײַנט

מיין ליבער פריינט, געבענטשט זאָל ער זיין,
ער זעט מיין פאַל און זעט מיין הויב —
ער פילט מיין צער און פילט מיין פיין,
און איז געטריי מיר ווי אַ טויב!

ער פילט מיין וויי און פילט מיין טרויער,
ווען די שעהן קומען ביטער —
און דער סוף ער לויערט, לויערט,
און מיין טאָג פאַרגייט אין ציטער...

און ווען די נאַכט קלאַפּט־אָן אין טיר
מיט פייער און מיט גאַל —

שטייט ער ביים זייט פון מיין בעט און פון מיר,
און בעט: „זיי שטאַרק, ניט שרעק, ניט פאַלן!"

איז ער לעצטער רעטונגס־שטערן,
די לעצטע זעגל־שיף אויף דעם ים —
ביז איך וועל ביים סוף ניט ווערן,
לויכטן זאָל דער העלער פלאַם!...

## צו מיין מאַן ביים לעבן

איך ציטער איבער דיר
ווי מאַמע איבער קינד —
ווען פון פענצטער־טיר
ס'בלאָזט אַ קאַלטער ווינט...

צו וואַכן אין טיפער נאַכט,
ווען ס'לעשן זיך די שטערן,
האָט מאַמע אויפגעוואַכט,
ס'געבעט פון קינד דערהערן!

איך ציטער איבער דיר
ווי אין נעסט אַ פויגל,
וואָס זינגט צו גאָט אַ שיר
און פלאַטערט מיט די פליגל!

און פליט דאָ רונד אַרום
און שטאַרקט אַזוי די פליגל,
ווען ווינט קומט מיט געברום
איבער נעסט און וויגל!

## מיין חבר ראַלף

אין אַלע נעכט פון צער און פיין,
ווען הימל האָט געברענט פאַר מיר —
ביסטו אין מיין חדר אַריין
און געזונגען פאַר מיר האָסט אַ שיר!

האָסט געטרייסט און געמוטיקט,
ניט געלאָזן מיר פאַרגיין —
ווי די זון מיט שטראַלן גלוטיק
מיך געמוטיקט מיט פרייד און שיין!

ביסט געשטאַנען ווי אַ ריזיקער בוים
אויף מיינע וועגן, שמאָל און שווער —
איך אַ צווייגל שוואַך און קליין
און דו געצערטלט האָסט מיין טרער!

האָסט געזאָגט: „ניט פאַל! זיי שטאַרק!"
אין די טעג פון זון־פאַרגיין —
בלומען־קראַנצן אויף דיין קאַרק,
און צעריסן האָסט די פּיין!

איך האָב זיך געטוליעט צו דיין ברוסט,
געזוכט אַ שטראַל און זי געפונען —
געקומען ווידער לעבנס־לוסט
און דער יאוש איז אַנטרונען!

## ברודער מיינער ראַלף

אָ, ברודער ליבער און געטרייער,
שוין לעשט זיך אויס דאָס פייער —
און עס צעפליט זיך שוין דאָס אַש
אין דעם מאָרגן, בלוי און בלאַס.

אָ, ברודער מיינער, איך בין מיד
צו ברענגען דיר מיין שאַפונג, ליד —
עס צעקנייטשט זיך מיין פּאַפּיר,
ווען מיין ליד איך שרייב צו דיר!

ווען אַלע האָבן מיך פאַרזען,
ביסטו נעבן מיר געווען —
אין טעג באַדראָטע מיט שטורעם־ווינט,
ביסטו געווען מיין טייער קינד...

אָ, ברודער מיינער, דו געטרייער,
עס לעשט זיך שוין דאָס פייער —
אַביסל אַש איז נאָך פאַרבליבן,
האָב איך מיין ליד אין אַש געשריבן...

## אין הייליקן אָנדענק

### I

אַזויפיל ביימער, אַזויפיל בלומען
און די שטאָלצע בערג אַרום —
און דו ביסט מער שוין ניט געקומען
און דיין אָרט האָסט מער ניט פאַרנומען...

קומט דער טאָג, איך וואַרט און וואַרט,
נאָר מיין טיר איז צוגעמאַכט —
אויפן שלאָס און אויפן ריגל.
און פון עלנד איז דער זיגל...

איוף די וועגן אויף די גאַסן
זוך איך, זוך איך דיך אַרום —
ערגעץ ווייט ביסטו פאַרפלויגן
און קערסט זיך קיינמאָל, מער ניט אום...

מיט מיר צוזאַם האָסטו געטראָגן
אונדזער גורל יאָרן לאַנג —
צוזאַמען זיינען מיר געגאַנגען
אָפט דורך צער און דורך געזאַנג!...

און מיטאַמאָל האָט אַ שטורעם
מיין שטוב, מיין היים און דאַך צעריסן!
און דיך פאַרטראָגן אין די וויטן
און מיך אין עלנד געטאָן איינשליסן...

II

האָב איך ווען ס׳איז גאָר געטראַכט
אין דיין אָנדענק לידער שרייבן,
אין מיין ליד זאָלסטו פאַרבלייבן
דורך דער גרויער טיפער נאַכט?

האָט עס עמעץ גאָר געאַנט,
אַז דו, מיין ליכט, זאָלסט ניט ווערן —
איך זאָל דאַרפן גיסן טרערן
און זון פאַר מיר זאָל מער ניט שיינען?

האָט עס ווער ס׳איז גאָר באַנומען,
אַז דו וועסט שוין מער ניט קומען?
וועסט פאַרלאָזן אונדזער וועג
אין די סאַמע בליונגס־טעג?

אָבער ס׳איז שוין מיר באַשערט
דאַרפן צו דיין קבר קומען —
טרוי׳ריק לייגן קראַנצן בלומען
אויף דעם ניד׳ריק בערגל ערד!

## צי האָב איך דאָס רעכט

צי האָב איך דאָס רעכט
אויפן ברויט, וואָס איך עס,
אויף די שטראַלן פון דער זון,
אַז דו ליגסט קאַלט און שטום?

דו עסט ניט דאָס ברויט,
וואָס דו האָסט פאַרגרייט —
דיך גלעט ניט די זון,
ניט דאָס ווינטל אַרום!...

נאָך טראָגט זיך ס׳געוויין
פון דיין קבר אַרויס —

אוןביים ווייסן אויפגיין פון טאָג
אויף דיין קבר שפּראָצט אַ רויז!

און קומט אָן דער טאָג
מיט זון און מיט ליכט —
זע איך דאַן פליען אַ ווייסע טויב,
און מיר דאַכט, איך זע דיין געזיכט!...

## דיין נאָמען ראָלף

דיין נאָמען איז מיר אויסגעוואָקסן
אויף מיינע בלייכע וועגן —
וווּ איך קום און וווּ איך גיי
שוועבסטו תמיד מיר אַנטקעגן!

אַט קומסטו צו מיר אַריין
ווי אַ שטראַל פון זונענשיין —
אַט זעצסטו זיך דאָ צו
און ברענגסט מיר דיין נשמה־רו!

ביסט געוועזן יונג און ליב
און בראַוו און שטאָלץ און שיין —
אַ פייער האָט ביי דיר פאַרשניטן
דיין איידל לעבן און געביין!

ווי אַ פויגל ביסט פאַרפלויגן,
האָסט פאַרמאַכט די ליבע אויגן —
פון דעמאָלט אָן איך רוף דיין נאָמען
און תמיד טו איך דיך דערמאָנען!...

# ווידמונגען און אָנדענקענישן

## מײַנע קינדער

מיין קינד פון מיר פאַרשווינדט
ווי וואָלקנדל אין ווינט —
און די שויבן דאָ צוזאַמען
זעען עלנט פון אַ מאַמען!

מיין קינד עס גייט אַוועק
ערגעץ ווו אין ווייטן וועג —
ווי ווייט עס גייט פון דאַנען,
עס וועט זיך זאַמען, זאַמען!

מיין קינד עס לויפט געשווינד,
אַ גרוס ער שיקט דורך ווינט!
איך שטיי ביים לעצטן ראַנד,
דער מאָרגן מיר איז אומבאַקאַנט...

און הימל און די ערד
מיין שטילן וויי איצט הערט —
זיין וועג זאָל זיין מיט פרייד,
מיט גוטע שטערן מיטבאַגלייט!

## צו מײַן זון בענדזשאַמין

עס גריסט דיך איצט די זון
און דיביימער אויפן פעלד —
עס גריסט דיך יעדער פויגל,
דיין יונגע שיינע וועלט!

די זון איז דאָך אײביק,
דער הימל אויך אַזוי!
דאָס לעבן איז דאָך פֿרײדיק,
אַפֿילו טאָג איז גרוי...

דו ביסט, מײַן קינד, שוין וויכטיק
און פֿעסט דײַן טראָט איז דאָ —
און דרײסט דײַן יונגער שפּאַן
אין יעדן טאָג און שעה!

זאָלן ברכות פֿאַלן
אויף דײַן יונגן קאָפּ —
ס'גײען אויף די שטראַלן,
זע, בײג זיך ניט אַראָפּ!

נעם צונױף די בלעטער,
ווען חודש מײ איז דאָ —
פֿלעכט פֿון זײ אַ קרענצל
און מעג דער טאָג זײַן גראָ...

## צו מײַן קינד סעמעלע

זע דאָס בײמעלע, מײַן קינד,
ווי ס'וויגט זיך אין פֿרײען ווינט —
מיט זילבער־ווײסע בליטן,
מיט זון באַקראַנצט אין מיטן!

עס האָט צעווײעט די בלעטער דער ווינט,
געוואַרט אויף דיר, מײַן קינד —
זאָלסט קומען זען און גאַפֿן
די וווּנדער, וואָס נאַטור האָט געשאַפֿן!

באַלד וועלן פֿײגל קומען,
צווישן בײמער, צווישן בלומען —
נעסטן בויען זיך פֿאַרמערן,
ס'וועט פֿישטש פֿון נײעם דור זיך הערן!

און דו, מיין קינד, וועסט אַהער־דאָ קומען,
צווישן פייגל, צווישן בלומען —
הערן ערשטן מאָרגנקלאַנג
און די פייגלס ערשט געזאַנג!

## בענקשאַפט

### I

אַ קורצער פלי מיט עראָפּלאַן
און באַלד בין איך ביים קינד —
נאָך אַ שפּאַן און נאָך אַ שפּאַן,
אויף די פליגל פון דעם ווינט!

עס איז דאָס לאַנד גאָר ווייט און ברייט
און דאָס קינד מיינס איז אַוועק —
מיינע הענט ווי פליגל געשפּרייט,
ווי אַ פויגל אויף דעם וועג!

בלויז אַ פלי אויף גיך געשווינד
אין די הימלען, אינעם רוים —
ערגעץ ווייט־ווו ווינט מיין קינד
ווו ער האָט געבויט זיין היים!

נאָך אַ באַן און עראָפּלאַן,
באַלד אָט בין איך לעבן קינד —
נאָך אַ שפּאַן און נאָך אַ שפּאַן,
כ׳מוז דאָך זיין ביי אים געשווינד!

צי האָט ער שוין פאַרגעסן מיר,
ווען כ׳האָב געטראָגן אים אויף הענט —
איצט קלאַפּט דער ווינט בלויז אין מיין טיר
און ס׳שטייען שטום איצט מיינע ווענט!...

## II

אַט זע איך דאָס וויגעלע,
ווו איך האָב מיין קינד געוויגט!
געוויגט און געוויגט
אַהין און צוריק!

אַט ליגן די זעקעלעך
פון פּיסעלעך קליינע —
ווייסינקע זעקעלעך
ווי פּוך, ווייס־שיינע!

אַט ליגט דאָס היטעלע,
ווען מיין קינד, איין יאָר אַלט!
ס׳שטעלט שוין אַ טריטעלע
מיט ליבע באַשטראַלט!...

אַט ליגט דאָס העמדעלע,
וואָס איך האָב גענייט —
מיט גאָלדענע שטראַלן
פון זון־ליכט באַגלייט!

אַט זע איך דאָס ריגעלע,
ווו כ׳פלעג מעסטן מיין
קינדס גלידער —
צי שוין אויסגעוואָקסן,
פון וויגל אַריבער.

איצט אַזאַ בענקשאַפט
נעמט מיך אַרום —
פאַרפלויגן די קינדער,
פאַרגאַנגען די זון!...

# מ ײַ ן  מ אַ מ ע

ס׳האָט מיין מאַמע צען קינדער געבאָרן
און פינף פון זיי קליינערהייט פאַרלאָרן.

צווישן די קינדער איז זי געגאַנגען
ווי דער גערטנער צווישן בליענדע זאַנגען.

אין וועג איז זי אַ מידע געפאַלן
ביי די ערשטע אויפגייענדע שטראַלן...

איז אַ פרעמדער פויגל געקומען
און מיין מאַמעס אָרט פאַרנומען!

נאָר קאַלט געווען זיינען זיינע פליגל
און האַרט געמאַכט פאַר אונדז דאָס וויגל...

## ברענג מיר, מאַמע, טרייסט און רו

עס איז מיין מאַמע ביי מיין וויג
אַמאָל געשטאַנען און געוויגט —
און געזונגען מיר אַ ליד
אין בלויער נאַכט, שטיל און מיד...

קום, אָ מאַמע, איצט דאָך ווידער
מיט דיין גוטסקייט און מיט לידער —
פון די הימלען קום אַהער,
ווען דער טאָג מיר ווערט שטאַרק שווער...

שטעל זיך, מאַמע, ביי מיין טיר,
מיט די פינגער צאַרט באַריר —
הערן וועל איך שטיל דיין קומען
ווי דעם פליסטער פון די בלומען!

גרויע נאַכט פאַלט באַלד שוין צו,
ברענג מיר, מאַמע, טרייסט און רו —
שטרעק־אויס צו מיר דיינע הענט,
ווייל ס׳ווערט מיין טאָג אין אַש פאַרברענט...

## צו מיין טאַטן

I

ס׳פאַרגייען די שטערן,
ס׳לויכט־אויף אַ ליכט,
ס׳פאַרגייען די שטערן, —
איך זע דיין געזיכט.

קומסט צו מיין פענצטער,
לייכטסט ביי מיין שויב,
מיין הייליקער, שענסטער
ביסט ווייס ווי אַ טויב...

דו ביסט דאַן געווען
שוואַך און געבויגן —
און דו האָסט געזען
דיינע פייגל פאַרפלויגן...

עלנד האָט דאָרטן
דיך אַרומגענומען
ווי פראָסט אין גאָרטן
די צאַרטע בלומען...

וואַקלדיק דיין שיף,
ליידיק טיש און בעט,
דיין לעצטער בריוו
צו מיר איצט רעדט...

צי זעסטו, געטרייער,
אַז כ׳שטיי איצט געבויגן?
און שאַר לעצטן פייער...
מיינע פייגל פאַרפלויגן...

## II

מיין טאַטע געטרייער,
דו קומסט צו מיר —
דורך וואַסער און פייער,
דו קומסט צו מיין טיר...

ווען טאָג איז אַ גרויער
און קיינער איז ניטאָ
קומסטו צו מיר
אין מזלדיק׳ שעה...

דו טרייסט און דו מוטיקסט
און לאָזט ניט פאַרגיין —
דו ביסט ווי דאָס זונליכט,
וואָס גייט־אויף מיט חן.

בין איך מער ניט אַליין
ביים גאָלדענעם זון־פאַרגיין,
כ׳זע, דו קומסט אָן
ווי אַ פלאַטערנדיקע פאָן!

איך זע דיין ליב וועזן,
דיין אומעטיק געזיכט —
דו קומסט פון די הימלען,
ווי אַ שטראַלונג פון ליכט!...

## מיין טאַטנס פלייצעס

ווידער בין איך אַ קינד אַ קליינס,
זיץ ביים טאַטנס פלייצעס —
ס׳שוועבט אַ ליבשאַפט מיר אַרום
זיכערקייט, אַז מ׳הערט קיין זשום.

כ׳פיל זיך זיכער אין מיין וועלט,
אַז אַרום מיר גאָרנישט פעלט!
הינטער טאַטנסברייטן רוקן
מעג איך פריי אַרום זיך קוקן!

לאַנג ניטאָ שוין יענע שטוב
און דער טאַטע ז׳שוין לאַנג אין גרוב,
און איך זע נאָך אַלץ דאָס אָרט —
און מיין טאַטנס פלייצעס דאָרט!

נאָר ער היט מיך אַלץ נאָך אָפּ
ווו איך גיי און ווו איך קום —
טאַטנס פלייצעס, שטאַרקער קאָפּ
היטן מיך געטריי און שטום...

ווער איך פינף יאָר שוין אַלט
און אַ ליכט־שטראַל אויף מיר פאַלט
פון יענע ליבע קינדער־טעג,
וואָס קומט צו מיר פון ווייטן וועג!...

## מײַן שוועסטערקינד חיה־רחל

זי איז געגאַנגען אויף די וועגן
און דאָס פּייער איר אַנטקעגן —
ס׳פּנים אירס אין טיפן טרויער
צווישן מערדער, צווישן לויער.

ז׳איז געגאַנגען מיט שטילע טריט,
צווישן נאַציס אין דער מיט —
אין איר אומשולד, אין איר נויט
פון די הענקער געווען באַגלייט.

און דאָס פּנים שטראַלט ווי ליכט,
ס׳ליגט הייליקייט אויף איר געזיכט —
חיה־רחל, שוועסטער טויב,
לאַכט פון מערדער, לאַכט פון רויב...!

און די אומשולד שטראַלט אַרויס,
ווי די דופטן פון אַ רויז —
פון דער היים זיי איר פאַרנומען,
און געשטויסן צו די תהומען!

איצט ווו כ׳גיי זי קומט אַנטקעגן
מיט איר אומשולד אויף די וועגן —
אַ ביימעלע מיט דינע צווייגן,
און דורך טרערן שווייגן, שווייגן...

## מײַן ברודער שעבסעלע אין אַנדענק

זע, די יאָרן אײלן, פליען,
װי אַ חלום אַלץ פאַרשװינדט —
בלומען בליען און פאַרבליען —
װוּ ס׳איז ברודער, װײסטו װינט?

איז ער אױף אַ באַן געפאָרן,
אָדער גאָר צופוס אַװעק —
מיט זײַן ליכטיק פּנים קלאָרן
זיך געלאָזט אין װײַטן װעג?

װוּ איז לעבן זײַנס פאַרגאַנגען,
צי אין װאַלד, צי גאָר אין פעלד?
צי דאָרטן, װוּ עס רױשן זאַנגען,
האָט זיך טראָט זײַן אָפּגעשטעלט?

צי האָסטו, װינט, זײַן טרער גענומען
און געבראַכט זי דאָ אַהער?
װוּ ביים פרישן טױ פון בליען
מוז דאָך פינקלען אױך זײַן טרער!

## װוּ איז מײַן ברודער שבתי?

װוּ איז מײַן ליבער ברודער?
אָ, װער קען מיר עס זאָגן?
עס האָט אים זיכער דער שטורעם־װינט
ערגעץ־װוּ װײַט פאַרטראָגן!

צי אין אַ כאַטקעלע אַ קלײנס
ערגעץ אין קאַלטן סיביר? —
אַזױ װײַט פון מענטשן,
פון מענטשלעכן באַריר...

װאָס איז געװעזן זײַן גורל?
אפשר װײסט עס װײַסער שנײ?

ווּ איז ער אַנטרונען?
אין וועלכן אָרט? אַך ווינד און וויי!

און עס שווייגט דער בייזער ווינט,
און עס שווייגט אויך דער רוים —
ווּ איז מיין ליבער ברודער?
אַ יונגער פרילינג־בוים!...

איך רוף און רוף זיין נאָמען,
איך רוף צו די בלענדנדע שטערן —
אפשר וועט הימל הערן מיין רוף
און אפשר אויך די שטערן?

## מײַן פּלימעניצע די חלוצה

(געווידמעט זלאַטקע בושעל־ליס, פון גבת דאר גבת)

זי פרייט זיך מיטן רעגן,
די ערד זאָל ווייכער זיין,
מיט געזאַנג גייט זי אים אַנטקעגן —
אין בלויען מאָרגנשיין!

די חלוצה פעלדער פאַרזייט,
קאַרטאָפּעלעך בליען שיין!
אירע הענט זיינען תמיד גרייט
פאַר פּליטים און קינדער קליין.

אין גערטנער און אויף פעלדער
מיט געטרייער האַנט —
פלאַנצט זי נייע וועלדער
אין דעם הייליקן לאַנד!

די חלוצה כבוד פאַרדינט,
פאַר איר איך בייג מיין קאָפּ —
זי בינדט די זאַנגען צווישן ווינט,
מיט גאָלד שמייכלט יעדער סנאָפּ!

פון לייוונט אירע קליידער,
— אַ יידישע פרינצעסן!
איר מי מיט כבוד כסדר
וועט ישראל ניט פאַרגעסן!...

## מײַן לערערן חיהלע גאזשאנסקי אין ליכטיקן אָנדענק

אַ ליכט אין דער פינצטערער נאַכט,
מיט האַנט אַזאַ וואַר׳מע ווי פייגלשע נעסטער;
אַ ליכטיק און ערלעך געזיכט, —
צו יעדערן איז געווען זי אַ שוועסטער!

אַ בוים מיט גאָלדענע בלעטער,
אַ האַנט אַזאַ ליבע מיט בלומען —
אַ האַרץ איבערגעפילט מיט געטריישאַפט
און האָט יעדערנס זיפץ לייכט פאַרנומען!

אין גאַסן די אָרעמע
ט׳געשטילט זי די נויט —
צו וואָגלער געפאַנגענע
ט׳געטראָגן זי ברויט!

צו קינדער פאַרשמאַכטע
האָט מילך זי געבראַכט -
צו שטיבער עלנדע
געקומען אין נאַכט!

אַ לערערן פאַר קינדער,
וואָס קיין שולונג געהאַט —
געלערנט זיי כסדר
אַזוי בלאַט נאָך בלאַט!

# מײַן בוך לידער

I

אַט װעל איך מײַנע לידער
װאַרפֿן אין גאַס און אין װינט —
װעלן זײ זיך צעפֿליען געשװינד
און קומען צו ײדן, ברידער.

זײ שענקען נעכט און טעג
און מיט כבוד זײ אױפֿנעמען
זאָל זײ קײנער ניט פֿאַרשעמען —
װי געסט פֿון װײטן װעגן...

זײ זאָלן אױף גוטע הענט פֿאַלן,
באַגלײט פֿון זונענשטראַלן —
אָנקלאַפּן בײַ ײדן אין טיר
כדי ברענגען אַ גרוס פֿון מיר!

מײַנע לידער דורך פּײַן און טרערן,
געקומען דורך זאַװײען —
זײ װעלן איצטער װײט פֿאַרפֿליען
אױף בלעטער אײנציק און אין רײען!...

II

איך קלייב־צונויף מיינע לידער
ווי דער פּאַסטעך זיינע שאָף —
און וועל זיי פירן ביז אין וואַלד
און זיי פאַרוויגן אין מיין שלאָף!

צווישן ווינט און רעגן
און רויטינקע בלומען —
עס זאָלן מיינע לידער
זיין זאַפט צו יעדנס גומען!

זיי כ'האָב דאָך געשריבן
דורך פּיין און דורך טרערן —
אין זיך דאָך זיי טראָגן
מיין זאַפט ביז ניט־ווערן!

ווי אַ דאָרשטיקער צום ברונעם
איך פאַל צו צו מיין ליד —
ווען עס קומט האַלבע נאַכט
און איך שלאָף נאָך ניט מיד...

ווען מיין שלאָף וועט קומען,
דער אייביקער שלאָף —
וועלן מיט מיר מיטגיין
מיינע ווייסינקע שאָף...

III

כ'וועל זען בלעטלעך אָנצוקלייבן,
אויף זיי ליד מיינס אָנצושרייבן —
זאָלן בלעטלעך זיך צעפליען
און אויף פליגל ווייט זיך ציען!

אפשר וועלן זיי אָנקומען
דאָרט, וווּ ס'בליען שיינע בלומען,
ברענגען גרוסן פון די טויבן,
פון ליבע, יושר און פון גלויבן!

דעם פּאַסטעך דאָרט מיט זיינע שאָף,
דעם וואַנדערער — וואָס פון וועג שוין מיד —
זאָלן ברענגען זיי אַ טרייסט
אויף פליגל פון מיין פליענדיק ליד!

דער וואָס פלאַנצט און וואָס פאַרזייט,
און דער, וואָס קערנער עס פאַרשפרייט —
זאָל צו אים מיין ליד אָנקומען,
ווי פייגל קומען און צו בלומען!

## דער נס פון שלייפן פערזן

דער נס פון פערזן שלייפן איז, דוכט זיך, מער ניטאָ,
און אָט עס שווימט אַרויף, אַ נייער פערז איז דאָ!
געלעגן אויפן טיש איז בלויז ס'ווייסע פאַפיר,
און מיט אַמאָל, אָ, זע: געשריבן שוין אַ שיר...

זאָל זיין געלויבט דער נס פון שעפערס גלייכן וועג,
מיט שטילע טריט ער קומט אַזוי אַדורך די טעג —
אַלץ פאַרשריבן, פאַרצייכנט, אַז וועלט'ס פיינען
זיינען אים אייגן
דער דיכטער קומט מיט שטילע טריט אַזוי שטיל
און געבויגן!...

## דער פאַסטעך

אַוועק זיינען שעפעלעך פון פאַסטעך דעם שטילן,
אַנטלאָפן זיי זיינען אויף ווייטע מיילן;
זיי קערן זיך ניט אום אַהער קיינמאָל מער —
אין פאַסטעכס אויג עס גלאַנצט אויף אַ טרער!...

רופט ער די שעפעלעך און פייפט און רופט ווידער,
און זינגט דערביי אויס טרויעריקע לידער —
אַליין איז דאָס פאַסטעכל אין פעלד פאַרבליבן
און עלנט און צער אויף בלעטעלעך פאַרשריבן!...

# אַמעריקע אין מײַנע לידער

## ק אָ ל אָ מ ב ו ס

### I

קאָלאָמבוס, קאָלאָמבוס, דו זיידע דו אַלטער,
ווען דו וואָלסט פון קבר אַרויס,
וואָלסטו זען ווי דאָס לאַנד, וואָס דו האָסט אַנטדעקט,
איז געוואָרן אַזוי מעכטיק און גרויס!

איינס צווישן די גרעסטע צווישן אַלע לענדער —
איז איצטער געוואָרן דיין לאַנד
און ס׳ווערט רעספּעקטירט און ס׳ווערט געאַכפּערט
און ס׳שטרעקט צו יעדן אויס זיין האַנט!

מיט כבוד און ווירדע
דאָ לעבן די בירגער —
מיט כבוד און ווירדע
יעדע גאַס און הויז!

די בירגער מיט כבוד,
ווו נאָר זיי קומען —
אין יעדן לאַנד אויף דער ערד
דער נאָמען ווערט געהערט!

אויף שיפעלעך קלייניניקע האָסטו געוואָגלט —
און ביסט דאָך דער זיגער אַרויס.
אַמעריקע פרייע, וואָס דו האָסט אַנטדעקט,
איז איצטער מעכטיק און גרויס!

II

שוין שפּעט נאָך האַלבער נאַכט
פון סטאַטוע האָט ער אויפגעוואַכט.
איז ער פון קאַלטן שטיין אַראָפּ
מיט זיין שיין־געלאָקטן קאָפּ!

ער בליקט און זעט די שיינע פּאַלאַצן
פון אַזאַ פאַרנעם, ניט אָפּצושאַצן,
און די עלעקטרישע שילדן אַרום
גלאַנצן, שימערירן, אומעטום!

„אַרז!" — רופט אויס קאָלאָמבוס מיט שטילן קול,
„געווען איז דאָ אַ וויסטעניש אַמאָל.
ווי לאַנג בין איך געשלאָפן אויפן שטיין,
וויפל יאָרן אַראָפּ ניט געקענט גיין?"

און ער בליקט מיט ליכטיקע אויגן
און צו דער ערד ער טוט זיך בייגן;
ער קושט די ערד, וואָס ער האָט אַנטדעקט, —
הלוואי זי זאָל קיינמאָל ניט ווערן אָפּגעמעקט!

און צו די שטערן שטיל ער בעט:
פאַר ווייסע, פאַר שוואַרצע, פאַר אַלע מענטשן;
דאָס לאַנד פון פרייהייט איז כדאי צו בענטשן!

און קאָלאָמבוס זעט, עס איז שוין שפּעט;
און איידער דער אויפגאַנג פון זון איז געקומען
האָט ער זיין פּלאַץ אויף דענקמאָל פאַרנומען.

## די פרייהייט־סטאַטוע ביי די אַמעריקאַנער ברעגן

מיין שיף איז געפאָרן, געפאָרן,
צו די ניו־יאָרקער ברעגן פאַרפאָרן!
די פרייהייט־סטאַטוע מיט פאַקל אין האַנט
באַגריסט האָט די וואַגלער פון יעדן לאַנד!

געשמייכלט האָט סטאַטוע מיט ליבשאַפט אין אויגן,
אַ שטאָלצע און זיכערע און גלייך, ניט געבויגן —
די צוקונפט פאַרשפּראָכן אונדז גאָר גליקן
צו וועבן און נייען און פלעכטן און שטריקן.

און צווישן די רעדער, און צווישן מאַשינען
פריידן און גליקן אָט דאָ צו געפינען.
די נייע אַמעריקע געוואַקסן איז גרויס,
עמיגראַנטישע קינדער גענומען אין איר שויס!...

געוועזן צו אַלע זיי מאַמע געטרייע,
דורך וועגן לאַנגע, דורך האָגל און פייער —
מיידלעך און יינגלעך צווישן מאַשינען
האָבן זייער גורל געהאַלטן אין שפּינען!...

און נײַ־ייִנגע דורות זײַנען אַלע דאָ געבאָרן,
מער ניט געבויגן, מער ניט פאַרלאָרן...
זײַנען אויסגעוואַקסן דאָ ווי די שיינע בלומען
און אָט זיי אַלע, זיי גייען, זיי קומען!...

## אייבּרעהעם לינקאָלן אין ניו־יאָרקער סטריק־פּאַרק

זיין סטאַטוע — פון שטיין
מיט טרויער אין געזיכט —
און זיין מילדער בליק
מיט גוטסקייט און מיט ליכט!

אין דער האַנט ער האַלט
אַ קראַנץ מיט פרישע בלומען —
און די פלאַטער־טויבן
פליען און זיי קומען!

אייבּרעהעם לינקאָלן — ער קוקט
אויף דער רויער ערד —
אין פאַרקן זיצן מענטשן
שטיל אַזוי פאַרקלערט...

ביינאַכט ער גייט אַראָפּ
פון דעם קאַלטן שטיין —
צו עלנטע און מידע
ער גייט צו זיי אַליין!

און לינקאָלן ער רעדט צו זיי:
פעלקער אַלע גלייך —
שוואַרצע, ווייסע, געלע
געבאָרן ווערן גלייך!

אין האַנט ער האַלט אַ ליכט,
געצונדן פון זיין האַנט —
באַלייכט די שווארצע נאַכט
איבער שטאָט און לאַנד!

## עלעאָנאָר רוזוועלט

עלעאָנאָר קומט פון זילבער־טויער
צו עלנטע, ווען טאָג איז אַ גרויער,
און ברענגט זיי ליכט אַריין,
איר שפּראַך — ווי ריינער ווייַן!

זי איז אַ שטראַל פון זונענליכט,
מיט מוטערשאַפט — איר צאַרט געזיכט —
ביי די פאַלדן פון איר קלייד
טוליען קינדער זיך מיט פרייד!

עלעאָנאָר גייט וואָס טיפער, ווייטער,
צו די אַקערער אין פעלד
צו די פון פלאַם און שייטער...
ברענגט זי פרייד אין יעדנס צעלט!

זי איילט דערפרייען, צו באַגריסן,
גאַנץ צו מאַכן שווערע ריסן...
צו קינדער פון ישראלס לאַנד
שטרעקט זי אויס אַ מוטער־האַנט!

מוטער רחל קומט אַנטקעגן
מיט בלומען־קראַנצן אויף די וועגן;
פון רחלס אויגן פאַלט אַ טרער,
ווייל דער וועג איז שווער, שווער!...

## אין כבוד פון ד״ר סאַלק

אויף די ענגע ניו־יאָרקער ראָגן
עמיגראַנטן־קינדער זיך טראָגן —
פול מיט יוגנט און מיט מוט,
איז דאָס לעבן ליב און גוט!...

פון די שיפן אין פאַבריקן
געאיילט זיך וועבן, נייען, שטריקן —
מאַנטלען מאַכן, קליידער נייען,
און די היים מיט שפייז דערפרייען!...

צווישן רעדער און מאַשינען
פרייד און גליק דאָרט צו געפינען —
און האַרצנס פרייד צום נייעם דור,
וואָס איז געקומען אין קאַיאָר!...

און אויבן אויף דעם פערטן גאָרן
איז דאָס ערשטע קינד געבאָרן!
און נאָך איינס און צוויי און דריי,
און די פרייד איז אייביק ניי!...

און אויף בענק פון שול און לימוד,
אין היפשער דחקות און אָן כיבוד
איז פון צווישן שטורעם־ווינט
אויסגעוואַקסן ס׳געניאַלע קינד!...

פאַר קינדער קליינע, יונגע בלומען,
אַ הילף האָט ד״ר סאַלק געפונען —
אַז ניט געליימט זיי זאָלן ווערן
אונטער זון און אונטער שטערן!...

## דער אַמעריקאַנער פּליער

אָט איז ער, אין וואַלד אַן אָדלער,
יונג און שטאַרק, מיט שטאָלצן בליק —
מיט שטאַרקע פליגל, וועלכע ציען,
ווו די שטראַלן גאָלדיק גליען!

אָט דער יונגער, שיינער אָדלער,
שטאָלץ און מוטיק, פעסט און זיכער —
פליט ער, פליט ער אין די הויכן,
כדי די זון דאָרט צו דערגרייכן!...

פליט ער העכער צו די ספערן,
צו דעם הימל צו די שטערן —
אָט דער אָדלער אין די שטראַלן,
זאָל זיין קאָפּ ניט קיינמאָל פאַלן...

זאָל מלחמה אונדז ניט גרייכן,
ניט אויף ערד און ניט אין הויכן —
שיין און שלאַנק, מיט שטאָלצן בליק,
קומען זאָל ער מיט פריד צוריק!

ערשט אַרויס פון מאַמעס שויס
און זיין פלי איז וויכטיק, גרויס!
פליט דער עראָפּלאַן אין הויכן
כדי הימלען וייטע צו דערגרייכן!...

## קאַליפאָרניע

די זון גייט אויף פורפור־רויט
און קושט די שפּיצן פון די בערג —
דער האָריזאָנט ליגט אויסגעשפרייט
אַזוי שטיל און פאַרקלערט!

די מענטשן הויכע שלאַנקע,
ווי די הויכע פאַלמע־ביימער —

האַלטן זיך שטאָלץ און ווירדיק,
ווי פון אונדז דאָ קיינער, קיינער...

ביימער מיט טייטלען, פייגן
אויף יעדן אָרט עס בליט —
שטאָלץ זיך וויגן צווייגן,
די זון מיט שטראַלן גליט!

בלומען, בלומען, אַלערליי,
ווו דו גייסט, עס בליט —
פעלדער פול מיט זאַנגען,
אַ שפע אָפּגעהיט!

קליינע שטיבער ווייסע,
אַלע פאַמיליעס צוזאַמען —
די פרייד בליט פון די פענצטער
איבער די ווייסע צאַמען!...

## אין די בערג פון קאַליפאָרניע

סע יאָגט זיך שנעל דער מדבר־ווינט
איבער די הויכע פּרעכטיקע בערג —
ער וויינט, ער יאָמערט ווי אַ קליינטשיק קינד,
די בערג שטייען שטיל, שטייען פאַרקלערט!

ס׳שטייען דאָרטן היימען אַלטע,
מיט שינדלען באַדעקטע דעכער —
פאַרביי ציען אויבן פייגל בלויע,
הויך און הויך און אַלץ העכער!

עס קלאָגט און עס יאָמערט דער מדבר־ווינט
איבער די אַלטע היימען —
און זעלטן מען זעט, אַז ס׳זאָל פון דאָרט
אַ רויך שפּאַרן פון קוימען!

און קומט אָן דער מאָרגן,
דער טאָג דער שענסטער —
אַ פאַרפאַלק, אין האָרבן,
עס זיצט דאָרט ביים פענצטער...

ער אַליין איז אַ פֿאַסטעך אַן אַלטער,
איז אים דאָס איינציקע פייפל פֿאַרבליבן —
אין זיינע הענט דאָס פייפעלע האַלט ער
און שפּילט אויס אַן אַלטן, אַלטן ניגון!

אַרום איז ניטאָ דאָ קיין שאָף
און ס׳זיינען ניטאָ אויך קיין רינדער —
נאָר בלויז די נאַקעטע בערג,
וואָס זיינען גאָטס שטומע קינדער!

## קאַליפֿאָרניע אויף די גאַסן

זיי פֿאָרן, זיי קומען אַהער
מיט וויי און שטילער טרער —
קאַליפֿאָרניע וועט היילן, היילן,
די באַן־רעדער רוישן אויף מיילן!...

פֿון גאַנצן לאַנד זיי קומען אַהער,
ווי פֿון גאָרטן די צעריסענע בלומען —
זיי גייען און קומען צוזאַמען
מיט פֿיס געליימטע זיי שפּאַנען!...

אויף שטעקנס אָנגעשפּאַרט און פֿאַרטראַכט
זיי שלעפּן זיך, ביז ס׳פֿאַלט־צו די נאַכט —
זיי איילן אין לאַנד פֿון אייביקן זומער,
וווּ, לויט זיי, מ׳ווייס ניט פֿון קומער.

עס גייען און קומען די מענטשן,
וועמען גורל האָט ניט געטאָן בענטשן —
זיי זוכן דאָ אַ שטיקעלע ברויט
אונטער דער בייטש פֿון עלנט און נויט!

## לאָס אַנגעלעס, קאַליפֿאָרניע

אויף יעדער גאַס און יעדן ראָג,
ווי נאָר ס׳קומט־אָן דער ווייסער טאָג —
די קירכן־גלאָקן נעמען קלינגען
און אויך די כאָרן תפילות זינגען!

זיי זינגען אַזעלכע טרויער־געזאַנגען,
ווי עפּעס פון גאָט זיי זאָלן פאַרלאַנגען —
רו און פרידן אויף דער ערד
זאָל זיין אָט דעם איצטיקן דור באַשערט!

אַ דאַך איבערן קאָפּ, פּרנסה, אַ קלייד,
פרידלעכע היים און שטילע פרייד —
עס זאָל די אומרו פאַרשווינדן,
די פאַקלען פון שלום זיך צינדן!

די ווענט זיינען עדות און הערן
אונטער דער זון און אונטער די שטערן
אַזויפיל תּפילות, געזאַנגען,
ניט צו ווערן פאַרשניטן ווי זאַנגען...

## עלסינאָר, קאַליפאָרניע

### I

די בערג דאָ דערלאַנגען די הימלען,
מיט שטאָלץ זיי קוקן צו דער זון —
מיר, מענטשן, שרעטעלעך קליינע,
מיר ווייסן גאָרניט דערפון...

אַזאַ שטילקייט איז דאָ אַרום,
די נאַטור אַליין אַ יום־טוב שפּרייט —
בלומען, בלומען, ווו וואַרפסט אַ בליק,
די גאַנצע ערד מיט בלומען פאַרזייט!

די ביימלעך זיך וויגן אין ווינט,
מיט רויטע און ווייסע בלומען אויף צווייגן —
יעדעס ביימעלע — אַ צאַרטעס קינד
און זיי בליקן און זיי שווייגן!

איך זאָג גוט מאָרגן צו די בערג,
איך באַגריס די בלומען ווו איך קום —
מיט בריליאַנטן איז דאָ די ערד
איבער די ריזיקע בערג און אַרום!

און ווען ס׳קומט־אָן די בלויע נאַכט,
די שטערן פינקלען אַראָפּ —
איבער די בערג די גאָלדענע היטלען,
שטערן־היטלען, זיי פינקלען אַראָפּ!

II

אָט די בערג מיט שטערן־היטלען
פינקלען דאָ אַראָפּ אין טאָל —
ווי פון לאַנגן ווייט־אַמאָל
פינקלען שטערן איבער טאָל...

דערציילן זיי פון אַלטע צייטן?
צי פון נסים אין די ווייטן?
קען ווער שפּראַך פון נאַכט פאַרשטיין,
ס׳איז דאָך מורמל פאַר זיך אַליין!...

און די ביימער וואַקסן, גרינען,
אפשר זיי אויך טרוימען שפּינען —
און אַ ווינטל קושט און גלעט,
און די נאַכט איצט עפּעס רעדט!

און איך זיץ אין שטילן שווייגן,
הער דעם פליסטער פון די צווייגן —
אַז עפּעס זיי מיר אויך דערציילן,
וואָס איז אָפט גאַנץ טיף פאַרהוילן...

און איך טוליע זיך צום בוים
אונטער בלויען קלאָרן רוים —
דער אַלטער בוים איז איצט מיין פריינט,
ביז אין הימל אַ שטערן שיינט...

## אין האָליווּד

צווישן פּאַלאַצן און צווישן גיטער
נעמט מיר אַרום אַ שטילער ציטער —
כ׳בין דאָך לגמרי עלנט, אַליין,
ביזן גאָלדענעם זונפאַרגייַן...

צווישן בלומען, צווישן פּאַלאַצן,
אַ רייכקייט ניט אָפּצושאַצן;
און אַנטקעגן עס קומט ניט קיינער,
נאָר בלויז מיינע פריינט, די שטומע ביימער...

און דער הימל אַזאַ בלויער,
וואָס פאַריאָגט אַיעדן טרויער!
און די ערד איז פול מיט בלומען
און עס שמייכלען די אַרומען!

און די בערג ווי שטאָלצע היטער
אַרום די סעדער, אַרום די גיטער;
און די מענטשן, דרייסט און זיכער,
און דאָס לעבן — שטילער וויכער...

## דער אַמעריקאַנער קאָבאָי

וווהין ציט זיך דער אַמעריקאַנער קאָבאָי?
וווהין שפּאַנט ער טאָג און נאַכט?
און ער אַליין ווייסט עס אויך ניט
און ער שלעפּט די מידע טריט...

אויף זיינע פּלייצעס אַ זאַק ירידה,
זיינע פיס כסדר פאַרמאַטערט מידע —
זוכט ער אַרבעט צו געפינען
און דעם גורל ווייטער שפּינען!...

זאַנגען שניידן, סנאָפּעס בינדן,
און ביינאַכט אַ פייער צינדן —
צו דערוואַרעמען די גלידער,
כדי אָוועקצופאַלן אַ מידער!...

די זון וועקט אים אויף באַגלייך מיט די פייגל
אין קאַיאָר, ווי אין מאַמעס וויגל —
כדי צו זייען און צו שניידן
און אַליין מיטן גורל בלייבן!...

זינגט ער אַ ליד געווידמעט די פייגל
זינגט ער אַ ליד צום הימל דעם בלויען —
ער זינגט אַזוי שטיל און זינגט אַזוי לאַנג,
ביז פעלדער הערן לסוף זיין געזאַנג!...

## אַ טריילער

שטייט אַ טריילער אויף דעם פעלד,
ביי אַ טייכל אַוועקגעשטעלט —
מענטש אַליין אין טריילער וווינט,
ס'האָט דער גורל אים ניט געשוינט...

פאַרביי אַ וועווערקע איילט געשוויינד
און אין פענצטער פייפט דער ווינט —
בייטאָג אַליין, דורך נאַכט אַליין,
ביז די זון וועט אונטערגיין...

ווו איז לעבן? ווו די פרייד?
ווו די פרוי אין אַטלעס־קלייד?
„ניין און ניין" — עס ענטפערט ווינט,
וואָס לויפט אויף גיך און באַלד פאַרשווינדט!

און אַ בוים אַ צודעק גרויס,
וואָס וואַקסט פון ווילדער ערד אַרויס!
שטייט ביים טריילער מיט צווייגן־הענט,
ווי אין אַ תפילה צו עמעצן געווענדט!

# ישראל־לידער

## דער נגב לעבט־אויף

האַמערס אין דעם נגב קלינגען
און די בערגער עכאָס זינגען.
ס'איז דער נגב איצט דערפרייט
פול מיט גרינסן, בייט נאָך בייט!

אונדזער נגב לאַכט און לאַכט,
נייע שטיקער אויפגעוואַכט!
חלוצים זינגען אויף די וועגן,
גייט גאָטס ברכה זיי אַנטקעגן!

און די גערטנער פול מיט טרויבן
און עס וואַרקען יונגע טויבן —
פאַסטעכער אויף באַרג און טאָל,
ווי די זיידעס, לאַנג אַמאָל!

פליסט דאָס וואַסער אַ פרייד צו אַלע,
דער נגב גרינט — אַ יונגע כלה —
די גירלאַנדן ביז די קניען
אַרום די שיינע בלומען בליען!

(דאָס ליד האָט געוואונען דעם ערשטן פרייז פון
קאָנקורס ביים „טאָג־מאָרגנזשורנאַל" אין 1955)

## בײַם װיגעלע אין ישראל

קומען יונגע ײדן
מיט פלאַטערדיקע פליגל
און אַ יונגע מאַמע
הוידעט דאָרט אַ װיגל.

ס׳איז באַפּוצט דאָס װיגל
מיט בלומען און מיט בלעטער
און די יונגע מאַמע
װיגט ביז שעה דער שפּעטער.

װיגט און זינגט אַ ליד:
„װעסט װאַקסן קינד אַ גבור;
אַלץ, װאָס איז געװען —
פלאַנצט מען איצטער איבער!

„װעגן װעסטו בויען —
שאָסייען לאַנגע, ברייטע,
און שטיין װעסט קעגן שונא
צום קאַמף װעסט זיין אַ גרייטער!

„טאָ שלאָף־זשע, קינד מיינס, שלאָף
און װאַקס מיט מוט און גלויבן,
דער מאָרגן װעט דיר ברענגען
װייסע פלאַטער־טויבן״!

(דאָס ליד האָט געװוּנען דעם צװייטן פּרייז ביים
קאָנקורס אין 1955, ביים „טאָג־מאָרגנזשורנאַל״)

## אַ קאַרשנבוים

איך האָב די ערד געגראָבן,
פאַרפלאַנצט אַ קאַרשנבוים —
אַ װוּנדערלעכן בוים
גאָר נאָענט פון מיין היים.

וועלן דורות קומען
צווישן זון און צווישן ווינט —
אָפּרייסן די פּרוכטן
אַזוי לייכט, אַזוי געשווינד!

זייט וויסן, זייט וויסן,
געפלאַנצט איך האָב דורך טרערן —
אַט־דעם שיינעם בוים
אונטער זון און אונטער שטערן!

עס האָבן זיך פּלייצעס
אין אַנגסטן געבויגן —
וואַקסן זאָלן פּרוכטן
ווי ליכטיקע אויגן!

(געווונען דעם ערשטן פּרייז פון קאָנקורס
„טאָג־מאָרגנזשורנאַל״, אין 1956)

## דער נגב וואַרט

מדבר וואַרט מיט אָפענע אויגן,
איבערן רוקן — די ליכטיקע טריט —
יידן וועלן אויף זאַמד זיך בויגן,
קומען וועט שטיינהאַקער, בויער און שמיד!

ס׳וואַרט דער מדבר, ס׳בענקט די ערד
צו געבן פּרוכט און צו געבערן;
ווי פּרויס געבעט צו ווערן דערהערט,
זי זאָל שוין צו מזל אַ מוטער ווערן!...

וועט קומען חלוץ שמידן, בויען
און פאַרפּלאַנצן נייע וועלדער —
וועלן הימלען ווידער בלויען
איבער רוקנס פון די פעלדער!

אין די נעכט זיי וועלן זינגען
און הערן לאָזן ס׳יידיש געזאַנג!
וועלן יונגע שטימען קלינגען
און עכאָ וועט צעטראָגן קלאַנג!

## דער חלוץ אין ישראל

### I

אַלע שיפן אויף די ימען
מיט די טייכן דאָ צוזאַמען
זינגען איצטער אויס אַ ליד:
צו באַגריסן נייעם ייד!

דאָס איז ער, וואָס בויט דאָך וועגן,
דער, וואָס קומט זיין פאָלק אַנטקעגן;
דער, וואָס בויט די האַפנס, שיפן
ביי דעם ים דעם בלויען, טיפן!

דער, וואָס אַקערט און ער זייט,
שטחים בליענדיקע שפרייט!
און פאַרפלאַנצט די גרינע וועלדער
און צעאַקערט וויסטע פעלדער!

און ער שטייט אין שטורעם־ווינט,
אין דער מדבר „פאַקלען צינדט"!
און דעם מדברס הייסע זאַמד
פאַרוואַנדלט ער אין פרוכטבאַר לאַנד!

מיט דער ביקס געווענדט צו שונאים,
מיטן שווייס פון אייגן פנים
דעראָבערט ער ישראלס ערד
און זיין רוף ווערט דאָ געהערט!...

## II

דער חלוץ האָט געזייט
דאָס קאָרן פאַר ברויט!
און ער האָט געאַקערט,
ווען זון האָט געפלאַקערט!

געמאָלן דאָס קאָרן,
דעם ווייץ דעם קלאָרן!
געמאָלן פאַר ברויט,
פאַר קינדער פאַרגרייט!

געשניטן די זאַנגען
ביז זון איז פאַרגאַנגען!
געבראַכט אין שייער
סנאָפּעס גאָלדיק־טייער!

דעם מדבר דעם וויסטן
דערפרישט מיט גרינסן!
און שטיינערנעם באָדן
מיט וואַסער באַלאָדן!

דורך זיין שווייס און מי
זיינען פעלדער אין בלי —
און פאַר זיך כסדר:
בלויז לייוונט׳נע קליידער...

(געווידמעט דעם חלוץ קלמן ליס
אין ישראל, פון קבוץ גבת דאר גבת)

## אין וועג אַריין

אַ שטיקל ברויט, אַ נאָדל, פאָדעם,
דעם זאַק אויף פלייצע, — אין וועג אַריין;
ס׳פּאַסן צום לייב די אַלטע בגדים
און וואַסער ריין איז זיס ווי וויין!

מיר גייען מיט פרייד פון גלות־לענדער,
ווו מ׳האָט אונדז געבויגן אַראָפּ, אַראָפּ —
אין אייגן לאַנד איז מען ניט קיין פרעמדער
צו האַלטן הויך און שטאָלץ דעם קאָפּ!

ישראלס פעלדער זיינען אונדז אייגן,
ווייל דאָרט האָבן אונדזערע זיידעס אַמאָל
געבליקט צו גאָט מיט ליכטיקע אויגן,
געפּיטערט שאָף אויף בערג און טאָל!

מיר גייען אַהין און ס׳קומט אונדז באַגריסן
די מוטער רחל מיט פּויקן־געקלאַנג —
„עס וועט מיין פאָלק ניט זיין צעריסן" —
הערט זיך ווייט איר פריידיק געזאַנג!

## פלאַנצן ביימער אין ישראל

פלאַנץ איך ביימער צען און מער,
פאַרפלאַנץ איך דאָרטן אויך מיין טרער...
וועלן ביימער וואַקסן שיין
אין לאַנד ישראל פול מיט חן!

וועלן ביימער שאָטנס געבן
פאַר די מידע אויף די וועגן —
וועלן קינדער פון דעם לאַנד
מיט מאַמעס קומען ביי דער האַנט!

ביימער, ביימער מיר פאַרפלאַנצן,
וועט די יוגנט דאָרטן טאַנצן!
גרינע וועלדער מיר פאַרגרייטן
פאַר אונדזער פאָלק, צעזייט־צעשפּרייטן!

ישראלס וועלדער פול מיט פרייד,
ס׳טראָגט דאָס לאַנד אַ יום־טוב־קלייד —
און די פייגל סוויטשען, זינגען,
יונגע שטימען, קלינגען, קלינגען!

קומען חלוצים פון די פעלדער
פון שווערער מי צו די וועלדער!
זיי באַגריסט אַיעדער בוים, —
ס׳איז ישראל, ס׳איז די היים!...

און זיי טאַנצן אַ האָראַ־טאַנץ,
אַלע, אַלע אין אַ קראַנץ!
און דער וואַלד ער שמעקט מיט צוויט,
יונגע חלוצים אינדערמיט!

## צו קינדער

יאָגט זיך, איילט זיך, קינדערלעך,
געפינט דאָס פרייע הייליקע אָרט —
ווו פאָלק ישראל ליב און געטריי
עס זייט און פלאַנצט שוין פרוכטן דאָרט!

יאָגט זיך, איילט זיך, קינדערלעך,
ווו חלוצים פלאַנצן דורך נעכט און טעג —
איילן מוז מען ווי דער ווינט
צו דעם ניי־געגאַרטן ברעג!

קומען וועט איר דאָך אַהין,
ווו די וועלדער עכאָס זינגען —
און דער נגב בליט אין גרין
און האַמערס קלאַפּן, קלינגען!

נעמט דעם אַקער אין דער האַנט
צו אַקערן, פלאַנצן און פאַרזייען —
עס איז ישראל אייער לאַנד,
עס מיט שפע צו דערפרייען!

ישראל וואַרט אויף אירע זין,
און זיי, געטרייע, קומען —
פאָרן וועלן מיר אַהין
מיט ברכה און מיט בלומען!

## אויף אייגענער ערד

עס קומען די שניטער
אין לייוונט׳נע קליידער —
די מוטיקע יונגען
זיי קומען כסדר —

זיי בינדן אין סנאָפּעס
די שפע פון ערד —
הימל אויף זיי
איז שטיל און פאַרקלערט!

זיי שניידן דעם ווייץ,
זיי שניידן דאָס קאָרן —
קערנדל קיין איינס
גייט ניט פאַרלאָרן!

זיי שניידן די זאַנגען,
די חלוצים זיי זינגען —
און זייערע שטימען
פריילעכע קלינגען!...

גייט אויף דאָ די ברכה
אויף ישראלער ערד —
דאָס לאַנד פון די אָבות,
וואָס צו אונדז געהערט!

קומט מוטער רחל זיי אַנטקעגן,
טראָגט בלומען אַ הויפן, אַ פולע שויס —
און שפּרייט זיי אויס אויף אַלע וועגן
פאַר אירע קינדער, קליין און גרויס!

## אַקסל צו אַקסל

אַט פאַלט צו די בלויע נאַכט,
ישראל שטייט אַלץ אויף דער וואַך!
מיט די ביקסן אין די הענט,
ווייל יידן האָבן זיך דערקענט!...

זיי היטן זיך פון פייער צינדן,
ווילן ניט קיין שמועס פאַרבינדן —
ס'אויער אָנגעשפּיצט אויף וואַך
אונטער שטערן אין דער נאַכט!

ס'פאַלט שוין צו די בלויע נאַכט,
יידן זעלנער אויף דער וואַך —
ישראלס קיום באַשיצן גרייט,
זיי גייען אויף לעבן און טויט!

דאָס פאָלק ישראל שטייט צוזאַמען,
דעם רוף פון הילף ניט פאַרזאַמען!
אַקסל צו אַקסל, אינאייינעם,
אין די גאַסן, אין די היימען!

## די כרמל־בערג

איבער די הויכע כרמל־בערג
שווימט אַ וואָלקנדל פאַרביי —
און חלוצים מיט געווערק
צעאַקערן און צעגראָבן זיי.

גרינען ווײַנשטאָקן אין טאָלן,
בליען זאַנגען פון בערג אַראָפּ —
אַ שפע ווי אויסגעמאָלן,
דער חלוץ שטאָלץ ער האַלט זיין קאָפּ!

גרינען פעלדער צווישן בערג,
רינט אַ וואַסער־קוואַל פאַרביי —
און עס שמייכלען שעפערס ווערק
צו די חלוצים ליב־געטריי!

און דער חלוץ, ברוין און שטאַרק,
שטופּט דעם אַקער, ביז זון פאַרגייט —
אַ לייוונטן העמדל אויף זיין קאַרק,
אַ ליבער ווינטל אים באַגלייט!

און עס וואַרט דאָס הויזגעזינד,
ביז ס׳קומט אַהיים פון פעלד דער מאַן —
ס׳קלינגט געשיר אויף טיש געשווינד
און מיט פרייד איז יעדער שפּאַן...!

## ישראלס שאָף

די ווייסע שאָף קומען צוזאַמען
איבער די בערג איבער לאַנען גרין —
ישראלס בערג ווייסן קיין צאַמען,
יידישע פאַסטעכער ווי יעקבס זין!

דער יידישער פאַסטעך שטיל און צופרידן
פירט די שעפּסעלעך ליב און געטריי
איבער לאַנד ישראל פאַר אַלע יידן,
און רייען פון שאָף זיך ציען פאַרביי!

שעפּסעלעך ווייסע מיט ליכטיקע אויגן
מיט קרייזעלעך דיקע פון ריינעם וואָל;
זיי ציען צום גראָז שטיל געבויגן
צווישן די בערג און גרינעם טאָל!

מיט פרייד שמייכלט דער הימל דער בלויער,
וואָלקנדלעך ווייסע שפּיגלען אין זון —
שעפּסעלעך יונגע פאַריאָגן דעם טרויער
אויף פעלדער מיט קאָרן אַרום און אַרום!

עס האָבן חלוצים געאַקערט, געזייט,
עס בליען די זאַנגען מיט גאָלדענעם צוויט —
חלוצים זינגען, ווען די זון פאַרגייט,
דער יידישער פאַסטעך די שעפּסעלעך היט!

## דוד המלך

מלך דוד שפּילט אויף זיין פידל,
ער קומט דערמוטיקט מיט נייעם לידל;
דאָס פאָלק ישראל קומט צוריק
אויף אייגענער ערד און היימיש גליק.

עס קומט כסדר אַריבער
פון גלות, פון לאַגערן, פון גריבער,
אין ישראל יידן זיי קומען —
מיט פרייד און ברכה אינעם גומען!

זיי פאָרן, קומען אויף די שיפן
איבער ימיק־תהומיקע טיפן —
די קליידער, די הויזן ביי זיי צעריסן
און דוד קומט און איילט זיי באַגריסן!

זייערע הענט געשטעמפּלט אין פייער,
דאָס פאָלק אַזוי ליב און טייער.
צווייגן פון שטאַמען געבליבענע
און פון שונא געטריבענע...

## אין כבוד פון די ישראלער טענצער

אַזאַ פרייד, אַזאַ פרייד,
פאָלק מיין אויף דיין ערד —
דיינע קינדער טאַנצן,
שלום אונדז געהערט!

זיי קומען אַהער
ווי די פרילינג־בלומען —
שיין איז דער טאַנץ —
זיי קומען, זיי קומען!

זיי ווערן באַגריסט
פון מיליאָנען מענטשן —
זיי ווערן געליבט,
מיר אַלע זיי בענטשן!

זייער פרייד — אונדזער פרייד,
זייער טאַנץ, אונדזער טאַנץ —
די טענצער פון ישראל,
אַ זוניקער קראַנץ!

זיי קומען אַהער
אויף אַמעריקאַנער באָדן —
מיט כבוד און ליבשאַפט
זיי ווערן באַלאָדן!

פון ישראלס שטאַם,
קינדער אין טאַנץ —
עס גייט־אויף די פרייד,
אַ גאָלדענער קראַנץ!

יידישע זין און טעכטער
זיי טאַנצן מיט אַ פרייד —
עס וואַקסט מיין פאָלק,
ווי דער וואַלד שטילערהייט!

# דער יידישער דיכטער

דער יידישער דיכטער,
ער גיט זיין ליד —
פאַר זיך אַליין
באַהאַלט ער עס ניט...!

ווי דיביימער דאָ ביי אונדז
גיבן פרוכטן פונעם צוויט —
ווי די ערד גיט און גיט,
ווי די בלום שפּראָצט און בליט...!

און אונטער די הימלען
שטורעם און ווינט —
ער טראָגט זיין חלום —
דאָס אויסגעבענקט קינד...!

דער יידישער דיכטער,
ווי דאָס פעלד מיט קאָרן —
צו געבן און געבן,
אויף דעם געבאָרן...

און ווו ער גייט און ווו ער שטייט,
זיין האַרץ ער נעמט מיט —
און אויף זילבערנע סטרונעס
דאָס יידישע ליד...!

## דער בלאַסער דיכטער

עס האָט דער דיכטער בלאַסער
אין ליד אַלץ אויפגענומען —
עס האָט דער דיכטער בלאַסער
דעם ווײ פון וועלט פאַרנומען!...

אַליין אין שטיבל אונטער דאַך,
אָפּט דורך טרערן און געזאַנג —
פאַרשריבן, פאַרצייכנט, אַ סך,
פאַרנומען יעדן ווײ און קלאַנג...

און ביים סוף פון ווייסן טאָג
אין ווייטער ווייט פאַרפלויגן —
מיט ווינטיקע פליגל אין געיאָג,
ווי פון מזרח צו מערב די פייגל...

און דעם רייך פון בלומען פאַרנומען
און דעם קרעכץ פון גאָלדענע זאַנגען —
ווען קאָסעס איבער פעלד איז געהאַנגען
און די זון איז אין מערב פאַרגאַנגען...

און פאַרנומען יעדערנס ציטער
דורך דעם טאָג און דורך דער שעה —
ווען עס שרעקט אַ שטורעם־געוויטער
יעדן בוים און צווייג אָט־דאָ!...

## דער בטלן

אָ, דו בטלן, עלנט קליינער,
וואָס־זשע שרייבסטו לידער דאָ?
זע, עס איז אַ טאָג אַ שיינער,
ס׳לויכט די זון אַיעדע שעה!

די טעג אַזוי דיינע פאַרגייען
אָן אַ שפור גאָר אויפן וועג;

באַלד קומען ווייסע שנייען
און פאַרשיטן יעדן שטעג.

יוגנט, ליבע, צאַרטע טרוימען —
ווי אַ חלום אַלץ פאַרשווינדט;
אייביק זיינען נאָר די רוימען,
וווּ עס יאָגט און טראָגט דער ווינט.

בלומען בליען, בלעטער פאַלן,
און דו, בטלן, שטייסט פאַרטראַכט;
און עס לעשן זיך די שטראַלן —
באַלד פאַלט צו די לאַנגע נאַכט...

## דער שטילער דיכטער פון יידיש

אַט־דער דיכטער, אַט־דער שטילער,
געשליפן פערל אין דער שטיל —
געקומען אַהיים איז ער אַ מידער
מיט זיין מי פון יאָרן פיל!...

ער האָט געפיילט, ער האָט געשליפן,
פאַר זיין פאָלק, וואָס ווערט דאָ פרעמד!...
שטיל געבויגן איז ער געקומען
אין זיין ווייסן זייד׳נעם העמד...

עס האָבן אים באַגריסט די בלומען,
דעם יידישן דיכטער אויפן וועג —
און גאָלדן־ליכטיקע זונען־שטראַלן
האָבן באַלויכטן זיינע טעג!...

ס׳האָבן געפליסטערט די ביימער־צווייגן
אויף זיין לאַנגן וועג און שטעג —
און ער אַליין אין שטילן שווייגן
פול מיט ליד דורך נעכט און טעג!...

איצטער שטייט ער שטיל געבויגן,
זיין פאָלק עס ווערט אים פרעמד —
ס'פאַרגעסט די שפּראַך פון זיינע ברידער
צווישן פרעמדע, האַרטע, ווענט!...

## אין אָנדעק פון דיכטער פּרץ מאַרקיש

אונדזערע זיידעס זיינען געלאָפן
פון שפּאַנישער אינקוויזיציע —
און פּרץ מאַרקיש, דער גרויסער דיכטער,
איז געפאַלן קלאָר און ניכטער...

עס האָט דער שונא גוט געצילט,
יידישע שרייבער געיאָגט ווי אַמאָל —
פאַרטריבן זיי אין קאַלטן סיביר,
צווישן פּראָסטיקע באַרג און טאָל!

פּרץ מאַרקיש אין תפיסה געטריבן
צוזאַמען מיט שרייבער־ברידער —
עס האָט דער גרויסער שונא
געשאַרפט די שווערד דערווידער...

פּרץ מאַרקיש האָט געזונגען
פאַר זיין פאָלק און פאַר זיין לאַנד —
ביז געקומען איז טיטאַן, דער שונא,
מיט שווערער גרויזאַמער האַנט!..

צוזאַמען מיט ברידער־שרייבער
פאַרטריבן אין סיבירער קאַלטן שניי —
און דאָרטן קלאָגט די אומשולד
איבער קברים שטום אַזוי...

## דער יונג־פאַרשניטענער דיכטער

(אין אָנדעק פון איציק פעפער דעם דיכטער)

עס וויינען די בלומען אויף דעם יידישן דיכטער,
עס קלאָגן נאָך אים די ביימער און צווייגן —
ער ליגט פאַרשטומט אין שטילן שווייגן
ערגעץ אין פעלד, מיט פאַרמאַכטע אויגן!...

עס וויינט דער ווייסער שניי אויף דעם דיכטער,
עס קלאָגן די וואָלקנס מיט הייסע טרערן —
דער יידישער דיכטער, וואָס איז פאַרלאָרן,
וואָס איבער נאַכט איז ניט געוואָרן...

עס קלאָגן די בערג אין מאָנאַט מיי:
ווער וועט קומען באַזינגען זייער פראַכט?
אויך גרינינקע פלאַנצן, וואָס שפּראָצן דורך נאַכט,
אַז איציק פעפער האָט די אויגן פאַרמאַכט!...

עס וויינען די בעראָזעס מיט בלעטער ווייסע,
וואָס פליסטערן אויס אַ צויבער־מעשה:
ווער וועט קומען באַוווּנדערן דאָס ווייסינקע גאָלד,
אַז ניטאָ איציק פעפער, וואָס האָט זיי אַזוי האָלט?...

ערגעץ אין סיביר אין קאַלטן שניי
איציק פעפערס ביינער דאָרט ליגן זיי —
עס האָט קיינער קיין מצבה געשטעלט,
אַ בערגעלע ערד, און הייליק אַזוי!...

## פאַרשטומט זיינע ליפּן

(אברהם רייזען)

ס'זיינען פאַרשטומט זיינע ליפּן,
פאַרשטילט איז דאָס איידעלע האַרץ,
און טרערן, טרערן זיפּן —
אַ ליכט פאַרלאָשן — שוואַרץ!

אין בייזער גרויער שעה
צו וועלט פיל פרייד געבראַכט —
אַברהם רייזען איז מער ניטאָ,
פאַרגאַנגען אין דער נאַכט!

אַ שטורעם האָט געריסן,
אַ דונער האָט געשלאָגן —
פון אונדז אים אָפּגעריסן,
אין ווייטער ווייט פאַרטראָגן!

ניטאָ זיין ליכט־געזיכט,
פאַרשוווּנדן איז זיין שמייכל —
פאַרלאָשן איז דאָס ליכט,
אַראָפּ אַ זייל פון היכל!

אַ צאַרטע בלום געווען
צווישן גערטנער, בלומען —
דאָס שווערסטע איז געשען,
די רויז האָט טויט פאַרנומען!

## דער דיכטער, וואָס זייט בלומען

(ה. לייוויקן געווידמעט)

וווּ איז פון דיכטער די מאַמע,
וואָס האָט דאָס קינד געכאָוועט דערצויגן?
באַוווּנדערט זיין הויכן שטערן מסתמא
און טיף געבליקט אין זיינע אויגן...

איצטער זעט מען זיין צאַרט געזיכט,
זיין קערפּער אין ווייטיקדיקן ווײ —
זיין ליד וואָס זינגט פון קייטן און ליכט,
און אויף די אַקסלען אַ וועלט־געשריי!...

אין סאַנאַטאָריום מיט ווענט מיט גרויע
איבער ווייסן פּאַפּיר זיצט ער געבויגן —
געמאָלן ער האָט אונדז הימלען בלויע,
די שטערן אויף אַ שנירל געצויגן...

אָ, גוטע מאַמע, ניט קלאָג, ניט וויין,
עס איז דיין קינד גרויס זיין באַשערט!
כאָטש דורך דערנער ער שפּאַנט אַליין,
דאָך זייט ער בלומען אויף גרויער ערד...

## דו ביסט די בלום אויף מײַנע וועגן

(געווידמעט דער דיכטערן רייגע אַפּפער)

אָט איז אַ טרער געפאַלן
אויף ווייסן בויגן פּאַפּיר —
און זיך אין שטראַלן צעפינקלט
אַנטקעגן דער זון ביי מיר!

איך פיל די גוטסקייט, וואָס רירט אַזוי,
דיין צאַרטקייט, שוועסטער געטרייע;
ווען די טעג זיי קומען גרוי
און איך שטיי ביים לעצטן פייער...

דו ביסט די בלום אויף מיינע וועגן,
געטריישאַפט דיינע ז׳אַ שטראַלונג צו מיר —
אַז קיינער קומט ניט מיר אַנטקעגן,
נאָר בלויז דער האַרבסטווינט קלאַפּט אין מיין טיר...

איך ווייס גאָר גוט, אַז דיין צוזאָג איז טייער
און אַז דיין טואונג איז מער ווי געטריי —
ביז וואַנען עס לויכט דאָס ברענענדע פייער
איז הייליק דיין וואָרט סיי ווי סיי...

## ז'איז אַ בוים אונטער דער זון

(געווידמעט דער דיכטערן ראָזע קרעדיטאָר)

ז'איז ווי אַ בוים אונטער דער זון,
מיט זאַפטיקע פרוכטן פיל —
און שטראַלט אַרויס פון זיך פיל אומעט, —
קלאָר און בולט איר לעבנס־ציל...

ז'איז ווי אַ טייכעלע איידל און צאַרט,
ווען ווינט קומט אָן מיט געברום —
וואָס פליסט דאָ שטיל און טיף פאַרטראַכט
און באַוואַסערט די בלומען אַרום!

זי טראָגט ניט אויף פיס קיין זילבער־סאַנדאַלן
אין איר באַשיידענער היים —
אירע אויגן מוטערלעך שטראַלן
אַפט ווי דער בלויער רוים!

דורך נאַכט זי שרייבט אירע פיינע לידער,
גיסט בענקשאַפט פון האַרצן אַרויס —
און דאָס ליד אירס בליט דאַן ווידער,
ווי אין פעלד עס בליט די רויז!

## שטילער, שטילער

שטילער, שטילער, טייער קינד —
אַ מענטש האַלט אַ פען אין האַנט —
דער מענטש, וואָס איז מיד,
האַלט אין שאַפן אַ ליד!

שטילער, שטילער, טייער קינד —
אַ מענטש האַלט אַ פען אין האַנט —
און ער צייכנט און ער שרייבט
אַ ניי ליד אויף דער ווייסער וואַנט!

עפּעס וועט דאָס ליד אונדז זאָגן,
עפּעס וועט עס אונדז דערציילן —
וואָס ביים מענטשן אין דער טיף
איז פאַרשלאָסן און פאַרהוילן...

שטילער, שטילער, טייער קינד —
זע, דער מענטש אַ ליד ער שרייבט,
און אפשר גאָר אַ בריוו צו דיר
פון אַ נייער גאָלדענער צייט!

שטילער, שטילער, טייער קינד —
זע די רו אים ניט צעשטער —
ס׳איז אַ מענטש פון ווייטער פרעמד,
וואָס איז געקומען צו אונדז אַהער!

## דער היימישער פאַקנטרעגער

דאָס פּנים געשמיסן פון זון און פון ווינט
און זיינע בגדים אַזוי אַלט און פאַרשטויבט —
באַשיידן איז ער ווי אַן אומשולדיק קינד
און גאָטס נאָמען האָט ער תמיד געלויבט.

אין שטעטעלעך קליינע פלעגט ער פאָרן
מיט קוישן שווערע איןביידע הענט —
אין אָרעמע געסלעך אַלע יאָרן
זיך געטוליעט צו פרעמדע ווענט.

ברויט און וואַסער איז זיין עסן געווען,
ווען ער פלעגט אין שולכל קומען —
אין ווינקל, אַז קיינער זאָל אים ניט זען
שטיל געדאַוונט און געלויבט גאָטס נאָמען!

סידורימלעך פלעגט ער דאָרטן פאַרקויפן,
מזוזות און ציצית און ליכט —
און גיין אַרום אין די אָרעמע הויפן
מיט שטילן שמייכל אויף זיין געזיכט.

פון אַלץ אין דער ווייטנס זיך געהאַלטן,
אין רייכע שטיבער ניט אַריין —
און דעם דלות שטיל באַהאַלטן,
תהילים זאָגן ביזן מאָרגנשיין.

אויף יום־טוב אַהיים פלעגט ער קומען,
אַ זעקעלע גראָשנס מיטגעבראַכט —
און ווידער געלויבט זיין ליבנס נאָמען,
ווען דאָס ווייב האָט פאַר אים יום־טוב געמאַכט!

## יידישע לערער

יידישע לערער זוכן
אין בלויען באַגינען;
די קערנער פאַרזייען
און קערנער געפינען...

די פעלדער פאַרוויִיט
פון שטורעם און ווינט —
און זעלטן עס זעט זיך
אַ בלימל, וואָס גרינט...

יידישע לערער
מיט וווּנדיקע הענט —
זיי שניידן אַדורך
די דערניקע ווענט...

פאַרוויס זיי גייען,
צעאַקערן און זייען —
דעם האַרטן באָדן
מיט בלומען דערפרייען!

עס בליען שוין גערטנער
מיט זילבערנעם צוויט;
עס טראָגן זיך פריידיק
פון תלמידים די טריט!

און שטימעלעך קלינגען,
עס איז גאָר אַ חידוש:
די קינדער אין שולן
לערנען שוין יידיש!

## די שפּראַך יידיש

אַ האַנט האָט אָפּגעריסן אַ בלום,
געוואָרפן זי צו גרויער ערד —
געקלאָגט זיך האָט די בלום גאַנץ שטום,
אָבער ס׳געוויין האָט וועלט געהערט!

עס האָט געטראָגן זיך ס׳געוויין
איבער דער גאָרער וועלט;
הגם די בלעטעלעך וועלקן שוין
דאָרטן אויפן אָפענעם פעלד...

די בלום אינגאַנצן שוין צעפליקט,
פאַרלענדט פון בייזער, ווילדער האַנט —
דער ווינט פאַרשטויסן, זי געשיקט
דאָרט אין דעם ווייסן ווינטער־לאַנד...

אין לאַנד פון ווייסן שניי
די בלום ליגט צעטראָטן אַזוי —
זי ליגט אין אָפענעם פעלד
און שטיל זי קלאָגט זיך פאַר דער וועלט...

## אַ דיכטער

זע, איך בוי מיר
מיין קליינטשיק הויז;
ווי שווער די מי איז
און דאָך ווי גרויס!

ציגל צו ציגל
איך לייג אַוועק —
כסדר אַזוי
דורך די טעג...

מיד, פאַרמאַטערט
טראָג איך ליים —
איך שטעל צונויף
מיין קליינע היים.

יאָר נאָך יאָר
איך פלאַסטער און מויער,
אַמאָל דורך פרייד
און אָפט דורך טרויער...

אָ, זע, ווי איך
ברען זיך אוים
אונטערן דאַך
פון מיין הויז...

ווענטלעך קליינע
איך שטעל אַוועק —
און ווייט און שווער
איז נאָך דער וועג...

## אַלעקסאַנדער פושקין

אַלעקסאַנדער פושקין, געניוס און פאָעט,
גרויסער דיכטער אויף דעם רויען פעלד —
דיין נאָמען געטראָגן אויף ליפּן
האָט רוסלאַנד צו ווייטער וועלט!

דיין פנים ווי זונליכט האָט געשטראַלט
דורך צייטן פון שטורעם־געברויז —
געוועזן ביסטו דיין פאָלק געטריי,
געלויכטן פאַר אַלץ, וואָס איז געווען גרויס!...

דיין מוזע, אַ ריזיקע שטראַלונג,
געלויכטן זי האָט און געברענט —
ניט שונא, ניט פשוטער מענטש
פאַרלענדן דיין גרויס האָט געקענט!...

האָסט רוסלאַנד אַרומגענומען
ווי פאָטער זיין ליבנדיק קינד —
דיינע פערזן ווייט געטראָגן,
ווי ליכט אין שטורעם־ווינט!...

יידישע יינגלעך און מיידלעך
מיט דיינע פערזן אַפריער —
געטראָגן זיי האָבן דיין ליד
אַריבער טיר און טויער!...

## שבתדיקע לײַכטער

איינגעוויקלט צאַרט אין ריינעם וואָל,
גאָלדענע לייכטער צוויי פון אַמאָל —
פון באָבע צו טאָכטער צו חתונה געגעבן —
איצט שוין ביידע אין די הימלען שוועבן!...

זיינען די לייכטער צום איניקל אַריבער
און פרייטיק־צו־נאַכט איצט לייכטן זיי ווידער!
גאָלדענע לייכטער, געצונדענע ליכט,
און שבת־רו שפרייט זיך אויף יידיש געזיכט!

אַ ליליע אַ ווייסע, אַ יונגפרוי אין געבעט,
מיט אויגן פאַרמאַכטע צו גאָט זי איצט בעט...

# סלאָנים – מײַן געבורט־שטאָט

## און די אַנדערע פאַרלענדטע געטאָ־שטעט

I

איך וואָלט אַהין געפלויגן,
וווּ געבאָרן און דערצויגן —
אין דײַן טײַך כ'וואָלט זיך געבאָדן,
זיך מיט יוגנט־פרייד באַלאָדן!

וווּ מײַן הײמעלע איז געשטאַנען
מיט ווײַס־געפאַרבטע צאָמען —
און יעדעס בײמעלע גרין
האָט זיך געוויגט אַהער אַהין!

צי קענסטו אפשר אַ גרוס מיר געבן,
צי ווער פון מײַנע דאָרט נאָך לעבן?
און ניט פון שווערד געפאַלן
אונטער לעצטע שטראַלן?...

עס גיט מײַן האַרץ אַ ציטער
ווי פון שטורם־געוויטער —
אַז איך טראַכט פון זײ,
פון לעצטן חורבן, ווינד און ווײ!

אָ, הײמישער ווײטער ווינט,
צו מיר קום, אײל געשווינד!
מיר ברענג אַ גרוס כאָטש דו,
ווײַל כ'האָב קײן טרײסט, קײן רו!

II

אויף דיינע גאַסן און אַספּאַלטן
דאָרט ליגט מיין טראָט באַהאַלטן...
און איך דערמאָן, דערמאָן זיך ווידער,
אָן בליענדע בלומען און אין די לידער...

די יוגנט מיט פּושקין אויף די ליפּן,
מיט געזיכטער ווי פרילינג־בליטן!...
וווּ זיינען די קינדער, דיינע יידן?
און די מערק און די יאַרידן?

און די שילן מיט גמרא־ניגון,
וואָס פלעגן קינדער ווי פּאַרוויגן!...
אויף די גאַסן און די סקווערן
פלעגט מען יידיש־לשון הערן.

שבת, יום־טוב מיט ליכט אין שויבן
און מיט אומשולד ווי ווייסע טויבן —
סלאָנים, שטאָט פון מיין געבאָרן,
אייביק לעבסטו אין מיין זכרון!

III

אַ בריק איז פעסט געבויט
איבערן לאַנגן טייך —
און יונגינקע טריט
מיט שטאָליק און דאָך ווייך!

אויפן טייך טשאַכע
שווימען שיפן און פליטן —
געזאַנג פון פייגל
אין שטאָט אינמיטן!

ייִדישע פורמאַנעס,
ייִדישע פורן —
ייִדן איזוואָשטשיקעס
מיט קוצמעלעך פאָרן!

ייִדישע שוסטער
מיט געזאַנג אין דער נאַכט —
זינגענדיק בענקענדיק
ווערן שיכלעך געמאַכט!

ברידערלעך יונגע,
שוועסטערלעך ריינע —
גאָלדענע לאָקן,
ליכטיקע שיינע.

פאַראַן יידישע שטיבער
מיט געווג זאַטן ברויט —
און נאָך מער פאַראַן
מיט דלות און נויט!

פענצטערלעך ריינע
מיט גאַרדינען אַרום —
וואַזאָנעלעך גרינע
צום גאַס קוקן פרום!

אין רויך און אין אַש
איז די שטאָט פאַרגאַנגען;
אַלץ איז דאָרט פינצטער —
מ׳הערט קיין געזאַנגען...

דער דייטש האָט פאַרשניטן
דעם הערלעכן בוים —
מיט אַלע זיינע בליטן
אונטערן בלויען רוים...

## אַ דערמאָנונג פון שטאָט סלאָנים

ווינטער, עס טרעסטשעט דער פראָסט און דער שניי,
ר׳ חיים, ער גייט זיך דורך ווינטער־זאַווייי!
ער גייט און שפּאַנט זיך מיט שווערן פּיסטראָט,
אַזוי זיך כסדר איבער דער שטאָט!

שווערע צוויי קוישן אין יידע הענט,
אין שטעטל, ווו יעדער האָט אים גוט געקענט...
ער נעמט פון דעם קרעמער הערינג און ברויט,
כדי צו שטילן הונגער און נויט!...

ישיבה־בחורים, וואָס האָבן קיין טעג,
זיי ווייסן ווהין עס פירט זיי דער וועג —
ר׳ חיים, ווי פאָטער מיט ליבשאַפט איז גרייט,
ער טיילט אויס צו יינגלעך הערינג מיט ברויט!

ישיבה־בחורים פרום און שטיל
זיי איילן איבער די געסלעך פיל!
הונג׳ריק זיינען זיי, הונג׳ריק און מיד,
און איצטער זיי גייען צום האַרציקן יידן!...

אין מערב די זון שוין פאַרגייט אין פלאַמען,
ר׳ חיים מיט בחורים זיצן צוזאַמען!
נאָכן עסן מזומן זיי בענטשן און זינגען
און יונגע שטימעלעך זיי זינגען און קלינגען!

ר׳ חיים, ער שטראַלט דאָך פון גרויסער פרייד,
וואָס ס׳איז כביכולס חסד פאַרשפרייט!
די גרויסע קוישן זיי שטייען שוין לער,
באַגלייט זיי ר׳ חיים מיט אַ וואַרעמער טרער!...

## מײַן הײם

איך זע דיך, אַ היים, דו מיין היים,
ווי דו ווערסט פון הפקר צעטראָגן —
אין פעדעם, אין פיצלעך, אין שטיקלעך
ווערסטו פון שטורעם פאַרטראָגן!...

עס איז שוין פאַרגאַנגען די זון,
אַוועק שוין פון אַלע מיינע פענצטער —
עס איז שוין פאַרשווונדן דער טאָג,
מיין טאָג, וואָס געווען איז דער שענסטער!...

צעטראָגן די מעבל,
צעטראָגן די טישן —
ס׳איז קיינער געקומען
דעם טרויער אָפּצווישן...

עס וויינען די ווענט,
עס וויינען די דילן —
און ווער וועט איצט קומען
דאָס געוויין צו שטילן?

דער קאַפּיטאַן איז טויט,
די טירן פאַרשלאָסן —
עס ברענען קיין לאָמפּן
דאָס ליכט אויסגעלאָשן...

## צום ווינט

אָ, טראָג מיך, טראָג מיך, ווינט דו גוטער,
וווּ מיין וויגל איז געשטאַנען —
איך וועל זוכן מיין היים, די אַלטע
מיט די ווייס־געפאַרבטע צאַמען!

איך וועל זיך שטעלן דאָרטביים שוועל,
די היים פון טאַטע־מאַמען —
ביז די זון וועט לייכטן העל
און כ׳וועל זיך דאָרט פאַרזאַמען!...

און אין יעדן ווינקל זיין,
די אַלטע ווענט אַרומנעמען —
און זיך צו זיי טוליען נאָענט
און ווידער אַלץ דערקענען...

און וווּ די היים איז געווען
און מיין טאַטנס טיש און שטול —
און זיין ליבשאַפט האָט געפלאָסן
דורך די יאָרן צאַרט און פול.

נאָר אָט יענע אַלטע היים
פון פרעמדע איז פאַרנומען —
און איך וואָלט כאָטש וועלן דאָך
אין חלום אַהין קומען!...

## חלום

פאַרשטומט עס שטייט מיין היים,
מיין זכרון דורך טאָג דעם דינסט מיר פאַרזאָגט,
ביז ס׳קומט אָן די נאַכט
און אין שלאָף דער מוח מיך פאַרטראָגט!...

טראָגט דער חלום ווידער
מיך צו מיין היים אַוועק —
און מיין ליידיקע היים
שטייט אויף דעם חלום־וועג...

מיט פושקין אויף ליפּן,
מיט אברהם רייזען אויף שוועל —
און די טרערן זיפּן
און לויכטן־אויף העל...

איך וואַנדער צווישן פעלדער
מיט מיין עלנד ביים זייט —
דער וועג פול מיט דערנער
מיט פאַרפלויגענער צייט...

די צייט מיט בלויע פליגל
מיך טראָגט פון באַרג אַראָפּ —
צוריק צו מאַמעס וויגל,
צו לייגן דאָרט דעם קאָפּ!...

## אַ דערמאָנונג אין וואַרשעווער געטאָ

עס רופט מיך די וואַרשעווער געטאָ,
די פאַרשאָטענע פרויען און קינדער;
די טאַטעס, די זיידעס, צוזאַמען,
צווישן פייער, רויך און פלאַמען;
צווישן פאַלנדיקע ווענט,
ווען ס׳האָט די געטאָ געברענט!

און איך בין אין אַמעריקע געזעסן
און מיין ברויט צו דער זעט געגעסן;
אין מיין בעט געשלאָפן לאַנג,
ביזן גאָלדענעם זון־אויפגאַנג;
און עס האָט די וואַרשעווער געטאָ געברענט
צווישן פאַלנדיקע אַלטע ווענט!

ווער האָט דעם קאָפּ געלייגט דער ערשטער? —
דער קעמפער, דער מוטיקער, דער גרעסטער!...
ווער האָט מיט די פּלייצעס פאַרשטעלט פון שונא? —
געווען אַ סך יידישע העלדן אַזוינע!...
ווען עס האָט די וואַרשעווער געטאָ געברענט
צווישן פלאַנדיקע מויערן און ווענט!...

דאָרט מיינע שוועסטער און ברידער,
טיילן פון אונדזערע גלידער,
אומשולדיקע ווייסע טויבן אַנגעפלויגן,
מיט טויטשרעק אין זייערע אויגן, —
עס האָט די וואַרשעווער געטאָ געברענט,
מיין פאָלק צווישן פלאַנדיקע ווענט!

## דער מאָנומענט

אַ מאָנומענט אויף וואַרשעווער געטאָ —
ווער וועט קלייבן די טרערן?
ווער וועט געשריי און יאָמער דערהערן?
נעבן דעם מאָנומענט, וווּ מ׳האָט קינדער פאַרברענט!

מוטערס קינדער אונטער מאָנומענט
צווישן ציגל און אייזן פאַרקלעמט —
דאָרט די קדושים ליגן
און ווינט זינגט אַ טרויער־ניגון...

און נאָך איצט פון שמאָלע גאַסן,
אונטער הימל קלאָרן, בלאַסן,
טראָגט זיך זייער וויגעשריי,
אין די הימלען שוועבן זיי!

דער מאָנומענט, אַ פידל מיט טרערן,
די סטרונעס וויינען מיר הערן —
און עס וויינען־מיט די שטערן,
די סטרונעס קלאָגן און מיר הערן!...

## פאַרטיליקט פון די נאַצים

(אין הייליקן אָנדענק פון די ביאַליסטאָקער קדושים)

שפּילט־זשע, פידלער, שפּילט־אויס אַ ליד,
נאָך פאַרלענדטן ברודער־ייִד —
אַז די סטרונעס זאָלן וויינען
און די וועלט מיט זיי אינאיינעם.

שפּילט־זשע, פידלער, רייסט די סטרונעס
פון די פידלען און באַנדורעס —
אַז די סטרונעס זאָלן קלאָגן
און די ווינטן קדיש זאָגן!

איבער ביאַליסטאָקער גאַסן
טראָגט זיך ריח פון מאָרדן, האַסן —
וועבער ייִדישע ליגן שטום
מיט גרויער רוי־ערד אַרום און אַרום!

היימען אונטער הימלען בלויע
איינגעהילט אין טיפן טרויער —
ווערקשטאַטן ייִדישע שטייען שטום,
ווינט רייסט דורך פענצטער מיט געברום...!

שפּילט־זשע, פידלער, אויס אַ ניגון
פאַר וועבער, וואָס אין קברים ליגן —
זאָלן אַלע הימלען הערן,
ווי עס פאַלן דיקע טרערן...!

## שניי דערמאָנט

וואָס יאָגט איר, שליטעלעך,
וואָס קלינגט איר, גלעקעלעך,
אַז חרוב זיינען געסעלעך
אין די היימישע שטעטעלעך?

הייזער צענומענע,
שוועלן פאַרברענטע;
קוימענס צעפאַלענע —
טעכטער פאַרשעמטע...

בערגלעך פאַרשטומטע,
מיט אַש באַשאָטענע;
יידן פאַרטיליקטע,
ווי זאַנגען צעטראָטענע.

ווו יאָגט איר, שליטעלעך,
וואָס קלינגט איר, גלעקעלעך?
אומעטיק פאַלן שנייעלעך
איבער חרובע שטעטעלעך...

## דאָס ייִנגל פון פוילן

האָבן קינדער פון דעם פוילן
פאַר דער זון גאָר ניט פאַרהוילן —
דעם קליינעם דוד בלינד געמאַכט
און זיין פרילינג צעמישט מיט נאַכט...!

האָט די נאַכט אין טיפן טרויער
אויף דעם יינגל געהוי׳רט אין טרויער —
דודל ציט זיך צו דער זון
און טרעפט בלויז חושך אַרום און אַרום.

און ער ציט זיך צו די שטערן,
וווּ עס פינקלען קינדערס טרערן —
און ער ציט זיך צו די בלומען,
הערט די ווינטן וויינען, ברומען!

קלאַפּט־אָן דוד מיטן שטעקן
און די וועלט דאָ אויפצוּוועקן —
טאַפּט ער מיט די דאַרע הענט
און שטויסט זיך אָן אויף האַרטע ווענט...!

## פרײַטיק־צו־נאַכט

פרייטיק־צו־נאַכט,
טיר און טויער צו —
ס'שפרייט־אויס די נאַכט
דאָ אַ הייליקע רו!

און איך נאָך אַ קינד,
איך זיץ מיר און טראַכט:
פאַרוואָס ווײַנט דער ווינט
אום פרייטיק־צו־נאַכט?

אַ ליכטל נאָך ברענט
אַ צווייטס צאַנקט־אויס —
די רו צווישן ווענט,
גמרא־ניגון אין הויז!

נאָר ס'ענטפערט ניט קיינער,
מיין טאַטע לערנט מיט ניגון —
ס'האַלט אַ שאָטן אַ שיינער
איבער וואַנט זיך אין וויגן.

אונטער טאַטנס פליגל
שטילע שבת־רו אַרום —
די טירן פאַרריגלט,
אַ הייליקייט שוועבט אום!

## גלאָקן קלינגען

עס קלינגען די גלאָקן
אַזוי טרוי'רדיק־מיד —
צי טראָגן זיי טרויער
פון פאַרפייניקטן ייד?

עס קלינגען די גלאָקן
מיט טרוי'ריק געוויין —
צי איז דאָס דער קרעכץ
פון אַ ייד ביים פאַרגיין?

צי קלאָגט דאָס געוויסן
ביי דער קריסטלעכער וועלט,
וואָס ס'ליגן פאַרשניטן
מיליאָנען יידן אין פעלד?

עס קלינגען די גלאָקן
מיט צער אינעם קלאַנג —
צי איז עס געוויין?
צי איז עס געזאַנג?

יידן פאַרשניטענע
פון קריסטלעכער וועלט —
ליגן אָפן פאַרלאָזן
אין גאַס און אין פעלד!

# סאָציאַלע לידער

## ברודער געבויגענער

אָ, ברודער געליטענער, ברודער געבויגענער —
שטיי אויף און גלייך דעם רוקן זיך אויס,
נעם אָן מיט מוט זיך, נעם אָן מיט שטאָלץ זיך
און קוק צו דער וועלט דער גרויסער אַרויס!...

שטיי אויף פון געפאַלנקייט,
שטיי אויף פון יאושקייט —
הייב שטאָלץ דעם קאָפּ דיינעם אויף
און קוק צו דער זון אַרויף!...

דאָס לאַנד פון די מעכטיקע, דאָס לאַנד
פון גערעכטיקע —
עס וואַרט, עס וואַרט אויף דיר,
און דו האָב קיין מורא, האָב נישט קיין ספיקות
און ברייט עפן אויף די טיר...

דו טרייבסט די באַנען דאָך, דו וועבסט
געוואַנטן דאָך —
בויסט דאָך דו די וועגן לאַנג,
דו אַרבעטסט שווער און דו האָרעוועסט
אָפט דורך טרערן און געזאַנג!...

דו אַקערסט די פעלדער דאָך,
דו גייסט געשפּאַנט דאָך אין יאָך!
הייב־זשע אויף שטאָלץ דיין קאָפּ,
ניט פאַל ביי זיך אַראָפּ!...

ניט מער געבויגן זיין!
ניט מער טרערן און פּיין! —
ניט מער אין צווייפל געקוועלט —
עס קומט אַ נייע וועלט!...

## קין און הבל

קין גייט פון האַס אַ בלינדער
און מיט אַ גרויסן שטעקן —
און ער לערנט די קינדער,
ווי אַזוי אַ ברודער אָפּצומעקן!

די נאַכט מיט דער לבנה
באַזילבערט די גאַסן —
מיר גייען דורך סכנה
אונטער הימל בלאַסן!

עס שרייט אַ מענטש אין דער נאַכט
פאַרן הימל און פאַר שטערן —
עס האָט קיינער אויפגעוואַכט,
דעם מענטשס געשריי צו דערהערן...

און הבל ליגט טויט
מיטן פּנים צו די גראָזן;
קין מיט שטעקן גייט —
ער האָט דאָס פעלד פאַרלאָזן!

און הבלס בלוט שרייט,
קיינמאָל וועט עס שווייגן —
דעם טאָג די נאַכט פאַרבייט,
הבלען באַווייגען צווייגן!...

## אַ פויגל אין אַ שטײַגל

װײנט אַ פויגל אין אַ שטייגל
קען צו זון שוין מער ניט פליען —
שװאַך די פליגל, אָפּגעלאָזן,
און די אויגן גליען...

אַלע פייגל אויף די ביימער
בויען נעסטן אין דער הויך —
און דער פויגל אין דעם שטייגל
נעסט זיך בויען דאָרטן וויל אויך!

זעט דער פויגל דורך דעם פענצטער
ווי אַ פויגל אויף אַ בוים
קאָרמעט זײַנע פייגל־קינדער
אין זיין נעסט, אין זייער היים!

װײנט דער פויגל אין דעם שטייגל,
עלנט איז ער און אַליין —
ער וויל טוליען פייגל־קינדער,
ווי דער פויגל אויפן בוים!

וויל אויך ער דאָ בויען, פליען,
קלייבן פעדערלעך און שטרוי —
נאָר די ווענטלעך פון דעם שטייגל
שטרענגע היטער זיינען זיי!

## ס׳איז טויט דער ווילדער רײַטער

די נאַכט האָט זיך פאַרקייקלט,
די זון איז אַרויס ווידער —
אין וואַלד האָט זיך דערהערט
אַ כאָר פון פייגלשע לידער!

איז אָנגעקומען אַ רייטער
אויף אַ פייערדיק פערד,
מיט שטאָלץ אויסגעשריען,
אַז אים באַלאַנגט די ערד!

ער האָט דעם וואַלד צעצונדן,
אַ האַלבן וואַלד פאַרברענט!
געלאַכט אַ ווילד געלעכטער,
געפּאַטשט מיט זיינע הענט!

געיאָגט האָט זיך ווילדער רייטער,
אונטער אים געברענט די ערד —
און איז אַראָפּגעפאַלן
פון פייערדיקן פערד...

געפאַלן איז זיין קאָפּ
אין אַ טיפן תהום —
געקייקלט זיך אַראָפּ
מיט ווילדן געברום!

איצט פרייען זיך פייגל,
ס׳פרייען זיך טויבן —
דער ווילדער רייטער ליגט
אין זאַמד, אין אַש און שטויבן!

# פרילינג

אַזוי פיל צווייגלעך זיך הוידען, וויגן
און ווינט עס זינגט אַ פרילינג־ניגון —
כדי דיביימער צו פאַרוויגן,
ווי די קינדער אין די וויגן.

און דער הימל מיט בלויקייט לאַכט,
וואָלקן ווייסער שוועבט דאָרט פאַרטראַכט —
און די בלומען וואַקסן אַרויס,
אַ קליידל אַ נייס טראָגט יעדע רויז.

בלויע פייגל פילדערן, פליען
און די אָדלערס אַהיים זיי ציען;
ס׳איז שוין פרילינג היינט אין דרויסן
און די טייכלעך מורמלען, רוישן.

אָדלער־נעסטן אויף די בערג
און פול מיט פרייד איז די ערד —
פעלד איז מיט סאַמעטן גראָז באַדעקט,
נאַטור פון שלאָף איז אויפגעוועקט!

## פייפעלעך

פייפלעך הער איך פייפן —
פרילינג הייבט אָן רייפן;
איבער בערג און איבער טאָלן
ערב־פרילינג נעמט שוין מאָלן.

צוויט דיביימער שפּרייטן,
גרינן זיך צירן בייטן;
וואַלד נעמט זיך צעוויגן —
זינגט צו זון אַ ניגון.

צווייגן זיך שוין שטרעקן,
בלעטלעך שוין זיך וועקן;
גראָזן שפּראָצן ווידער,
גלייכן אויס די גלידער.

פרילינג איז אַצינד,
איז ווי אַ צאַרטע קינד —
ס'וועט דער מיי באַלד קומען,
באַצירן קאָפּ מיט בלומען...

## בלומען־בייטן

שטייען בייטן שוין דערפרייטע,
בלומען ווייסע, געלע, רויטע —
כלות אויסגעפּוצט אין שלייער,
זאָל נאָר זומער האָבן דויער!

בלומען האָבן טיפע אויגן,
פאַר דער זון זיך בוקן, נויגן —
לויפט אַ ווינטל אָן העפּ־העפּ,
בלומען בייגן אָן די קעפּ!

ברענגט די נאַכט לבנה־שיין,
וויקלט אַלץ אין זילבער איין —
לויפט אַ ווינטל אָן העפּ־העפּ,
בלומען בייגן אָן די קעפּ!

בלומען טוליען זיך אינאיינעם,
אויף די קעפּ מיט זילבער־קרוינען —
שמייכלען ליבלעך צו די שטערן
און פאַרגעסן פון ניט ווערן...!

## אַ וואָלקנדל

די זון האָט רויט צעפלאַמט זיך
איבער וואַלד און איבער פעלד —
דאָרשטיק זיינען פייגל,
ס'גראָז איז געל, פאַרוועלקט.

די ביימער זיי שטייען
מיט טרוקענע צווייגן —
זיי קוקן צום הימל
און אומעטיק שווייגן.

די זאַנגען אין פעלד
זיינען טרוקן און מיד —
די קעפּלעך געבויגן
און זינגען קיין ליד!

די גאָלדענע בלומען
פאַרמאַכן די אויגן —
אונטער גליִענדער זון
זיי שטייען געבויגן.

באַווייזט זיך אַ וואָלקנדל
ווערט אַ פרייד אין פעלד —
און ס'שמייכלט צו אים
אַלץ נאָר, וואָס ס'וועלקט!

## בלומען

וואַקסן אין גאָרטן בלומען שיינע
— מיט באַקן רויטע ווי רויטער ווין
מיט אויגן ברוינע, פּינטעלעך קליינע,
זיי שטייען מיט פרייד אונטער זונענשיין!

טראַכטן זיי? דענקען זיי? ווער קען עס וויסן!
ווער קען די ש)פּראַך פון די בלומען פאַרשטיין?
צי בעטן זיי גאָט ניט ווערן געריסן
פון מענטשלעכע הענט, גרויס אָדער קליין?...

יאָ, זיי באַוועגן די בלעטלעך אין ווינט;
מיר דוכט, אַז זיי שמייכלען צום הימל בלוי —
ס'איז יעדערע בלום ווי אַ צאַרטעס קינד
מיט די רויטע פליגל ליכטיק אַזוי!

כ׳וויל רייסן אַ בלום, זי נעמען מיט זיך,
אַהיים זי ברענגען ווי אַ געשאַנק —
נאָר כ׳הער די בלעטעלעך פליסטערן גיך:
ניט רייס, ניט רייס, עס וועט דיר טאָן באַנג!...

כ׳קוק אויף די בלומען מיט ליבשאַפט געטריי,
כ׳וואַג ניט צו רייסן, קיין בלעטעלע, ניין —
כ׳גיי בלויז פאַמעלעך דעם גאָרטן פאַרביי,
כ׳שטיי און באַוווּנדער, ווי זיי וואַקסן שיין!

## צום דאָרף

אָ, רויִקער דאָרף,
איך בענק נאָך דיר,
די שטילקייט אַ האַרף
ביי שטוב און ביי טיר.

די לופט ווי זיסע מאַנדלען
איז דורכזיכטיק און בלוי;
ס׳איז ווייט פון האַנדל־וואַנדל
אויף וועגן ווי זילבער טוי.

זילבער־טייכלעך רווישן,
ענטלעך אין זיי שווימען;
האָניק איז דער דרויסן,
כדי רו דאָרט צו געפינען.

בערג אונטער הימל
מיט היטלען פון שטערן;
דורך טאָג שטיל דרימלען,
דורך נאַכט געזאַנגען הערן.

צום דאָרף שיק איך מיין ליד,
מיין צאַרט אויסגעוויילט קינד;
ציטערדיק און מיד —
איך שיק עס דורכן ווינט...

## אין דאָרף צווישן די בערג

אָט איז אַ ווייסער שמעטערלינג
ערשט איצט פאַרבייגעפלויגן;
ער האָט געדרייט זיך ווי אַ רינג
און דאַן אַוועקגעצויגן.

עס האָט אַ פּייפעלע געפּייפט
אָט־דאָ אַרום דער שויב;
עס האָט אַן עפּעלע געריפּט
און ס׳ליגט שוין אינעם שטויב.

ווער האָט אין פענצטערל געבליקט,
ווען זון איז אויפגעגאַנגען?
עס האָט די זון צו ברוסט געדריקט
די פעלדער מיט די זאַנגען.

עס האָט אַ רויז אַ גאָלדענע
צעבליט זיך און צענומען;
זי שטעלט אַרויס די בלעטעלעך
און וואַרט די זון זאָל קומען.

## פייגעלעך

פייגעלעך, ווי ווונדערלעך אייער פליען
פון בוים צו בוים, פון קוסט צו קוסט —
רונד אַרום מיט לעבנס־לוסט,
פון בוים צום פעלד — אַ פייגלשע וועלט!

איר פליט אַלץ און פליט
און ווערט גאָר ניט מיד —
אין פרימאָרגן איר זינגט אַ ליד
צו גאָט און צו וועלט, אין וואַלד און אין פעלד!

דיביימער ווי שוועסטער,
דאָרט צו בויען נעסטן —
אין שטילקייט אין רו
איידער בלויע נאַכט פאַלט צו!

און דורות מיט יונגע פליגל
זיך טראָגן אין די ווייטן,
דעם טאָג אין פרייד באַגלייטן
און מיט יונגע פליגל שפּרייטן!

עס איז פאַראַן די פייגל־וועלט
אין גרינעם וואַלד, אין שיינעם פעלד —
ביים טייך און ביים ברעג
אָפן שטייט דער פייגל־וועג!

## פאַרגעס מיך ניט

בלויע בלימלעך קרייזלען זיך,
בלויע בלימלעך אַלע אינאיינעם —
און שרייען־אויס „פאַרגעס מיך ניט״ —
דערמאָנט דעם נאָמען מיינעם.

בלויע בלימלעך שמייכלען זיס
און זיי רופן און זיי ציען —
און רופן אַלץ „פאַרגעס מיך ניט״ —
ביז פאַרוויאַנען, ביז פאַרבליען.

און די בלויע בלימלעך
שטראַלן אונטער זון —
און זיי רופן יעדן צו:
נענטער, נענטער קום!

און אין נאַכט פון שטערן
נאָך בלויער זיי ווערן —
און פליסטערן ביי די טריט:
פאַרגעס מיך ניט! פאַרגעס מיך ניט!

## אַ בוים בײַם ים

אָט שטייט אַ בוים ביים ברעג פון ים,
בעת ס׳ברענט דער הימל מיט בליצן פלאַם!
דער בוים אַליין מיט צווייגישע הענט
צו גאָט האָט זיך מיט תפילה געווענדט.

ער זאָל ניט ווערן דערוויטערט פון ברעג,
אַז לויכטן זאָלן ווידער די טעג,
דער הימל ברענט מיט פייער־פלאַם
און מיט געברויז עס רוישט דער ים!

און אָט איז שטורעם שוין פאַרשטילט,
דער בוים אין טרויער איז איינגעהילט —
די צווייגן צעריסן, פאַרטראָגן ווייט,
צו צפון, צו דרום און מזרח־זייט!

קומט־אָן דער מענטש, רעדט שטיל און פעסט:
ס׳וועלן קומען צווייגן און ס׳וועט זיין אַ נעסט!
אַז דער שטורעם איז שוין אַריבער
וועלן צווייגעלעך וואַקסן און שפּראָצן ווידער!...

## אַ ביימעלע

שטייט אַ יונגינק ביימעלע
אין זיין שענסטן בלעטער־ציר —
ס׳שטייט זיך שטיל בנעימותדיק
און עס פליסטערט צאַרט צו מיר:

זע מיינע צווייגן
מיט רויטע קרעלן,
כדי די מענטשן
צו געפעלן!

מאָל מיין שיינקייט
זי ווייז פאַר וועלט —
ווייל באַלד, אָט באַלד
איך ווער פאַרוועלקט!...

זע מיין שיינקייט
און זי באַשרייב —
זע קיין זאַך דאָ
ניט פאַרמייד!

ווען ס'הערן־אויף לויכטן
די זונענשטראַלן —
ווערן געל די בלעטער
און נעמען באַלד פאַלן...

זע ווי עס צערטלט
דער גוטער ווינט —
און ס'שמייכלען צו מיר
מוטער און קינד!...

## די ברכה

זאָלן זינגען זאַנגען
פריידיקע געקלאַנגען,
זאָל דאָס גאָלד'נע קאָרן
שפעדיק ניט שפּאָרן!

ברכה פונעם רעגן
קומען זאָל אַנטקעגן —
ס'זאָל זיין פאַר שאָף און קי,
פאַר נייעם קינדס צעבלי.

קלינגען זאָל דער האַמער
בויען שטוב און קאַמער —
בויען ניט פאַר ווינט,
נאָר וואַקסן זאָל מיין קינד!

פילן כ'וויל די רו,
ווען טיר און טיר איז צו —
הערן דאָס געזאַנג פון נאַכט
אונטער שטערן שטיל
פאַרטראַכט!

ווען די בלום ווערט שטיל געבאָרן
צווישן זאַנגען, צווישן קאָרן —
ווען זי ווערט גאַנץ שטיל
געגערט
פון דער גוטער מאַמע־ערד!

## פלאַנצן בלומען

כ'האָב געזאָלט פאַרפלאַנצן בלומען,
קלייבן שטערן אויף די וועגן —
איז מיר צו דער האַנט געקומען
שטאַרקער שטורעם־ווינט אַנטקעגן!

כ׳האָב געזאָלט אַ טעפּיך וועבן
פול מיט פייגל און מיט בלומען —
ס׳איז געווען אומזיסט דאָס שטרעבן,
ווייל דער חלום איז צעשוווּמען.

כ׳האָב געזאָלט פאַרזייען פעלדער
פול מיט שווערע גאָלד׳נע זאַנגען;
זאָגן גוטן מאָרגן וועלדער,
אָבער ס׳איז די שעה פאַרגאַנגען!

שטיי איך איצטער אינעם פעלד
אונטער גלעט פון מילדן ווינט —
זון נאָך וואַרעמט, שיינט און העלט,
אָבער באַלד דער טאָג פאַרשווינדט!

## מיט בלומען־קראַנצן

כ׳וועל באַהאַלטן הייסע טרער,
זי פאַרדעקן מיט אַ קראַנץ —
ס׳זאָל מיין פריינט ניט זיין צו שווער
רונד אַרום זיך גיין אַ טאַנץ!

איילן וועל איך ווי די פייגל
זינגען שירה אין פרימאָרגן
און מיט מיינע קליינע פליגל
זיך פאַרטראָגן ווייט פון זאָרגן!

מאָלן וועל איך בלומען־קווייטן
אונטער בלויען, קלאָרן הימל
און אַ ביסל פרייד פאַרגרייטן
צווישן ערדיש רויש און ווימל!

גיין וועל איך צו גרינע גראָזן,
וועלכע זייגן פרישן טוי,
ווען עס קומען פלינקע האָזן —
ס׳לעבן שפרודלט פריש אַזוי!

## ישראל — די יונגע ליליע

שטורעם האָט צעפּליקט די ליליע,
געלאָזן זי נאַקעט צווישן גראָזן —
האָט דאָס נאַקעטע שטענגעלע
דאָס קעפּל אַראָפּגעלאָזן...

און די ווינטן האָבן געבוריגן
די ליליע גלייך מיט גראָזן...
דאָך דער רעגן האָט געוואַשן
און די זון האָט ניט פאַרלאָזן!

איז פון די וואָרצלען אַ ליליע ווייסע
ביי דער זייט אַרויסגעקומען;
שענער און העכער פון אַלע,
צאַרטער פון די אַלע בלומען!

איז די יונגע ליליע ווייסע
שענער פון די פלאַנצן אַרום —
און די שטערן אין די הימלען
באַגריסן מיט פרייד די יונגע בלום!

## אַ בלום

אַ רויטע בלום אויף היגער ערד
האָט ס'פּנים צו דער זון געקערט —
אַט די בלום אין רויטן קלייד,
זי טראָגט מיט זיך אַזוי פיל פרייד!

יעדן פאַרטאָג זי שמייכלט צו זון,
צו זיין שטאָלץ, זי ווייסט דאָך דערפון!
און זי בליט מיט בלומיקער פרייד
און זי אָטעמט שטילערהייט!

אירע בלעטער, רויטע פליגל,
דאָס פעלד איז היים און ס׳איז אויך וויגל —
וויגט דער ווינט און קושט די אויגן,
ס׳פרייט די בלום זיך, טוט זיך נויגן!

טראַכט איך וועגן בלום אינדערשטיל,
זי האָט שוין נישט קיין לעבן פיל...
דאָך זי באַשיינט דאָס שטיקעלע ערד,
וווּ לעבן און בליען איז איר באַשערט!

## זע, היט־אָפּ

פאַרדעק די בלומען און די בלעטער,
פאַרדעק מיט היי זיי און מיט שטרוי —
זיי זאָלן ניט צעטראָגן ווערן
אין זייער שטילן שטומען וויי!

באַשיץ, פאַרדעק די צאַרטע ליליעס,
היט־אָפּ, באַשירם די גלייכע בייט —
נישט פאַרגעס, אַ האַנט אַ ווילדע
זיי רייסן איז שוין תמיד גרייט...

באַטראַכט די פרישע גרינע גראָזן,
נאָר היט, ניט טרעט אויף זיי —
זיי בוקן זיך ווען ווינטן בלאָזן
מיט בענקשאַפט און מיט וויי!

זע, ניט וועק ביינאַכט די פייגל —
זאָל די נאַכט זיי ברענגען רו;
שטיי און קוק און האָרך אין שווייגן,
ווייל ווי פייגל — אויך ביסטו!

# אַ בלימעלע אין האַרבסט

שטייט אַ קליינע, שיינע בלום,
אומעטיק און שטיל און שטום;
האַלט דאָס קעפּל נאָנט צום פעלד —
זעגנט זיך מיט זון און וועלט!

ליגן פעלדער אויסגעשפּרייט,
נאַקעט שטייען בייט נאָך בייט —
שטראַלן לייכטן שוין ניט העל,
ווינטער איז שוין אויפן שוועל!

גרויע טעג זיי קומען, קומען,
און די ווינטן ברומען, ברומען —
שטייט דאָס בלימל שטיל געבויגן
און אַ טרער אין טיפע אויגן!

שטייט אין אומעט בליקט אַראָפּ,
איינגעבויגן שיינעם קאָפּ —
האָפט נאָך אַלץ אויף זונענשטראַלן
אויף איר קעפּל זאָלן פאַלן!

און אַ שניי ער פאַלט און פאַלט
און באַדעקט דאָס פעלד און וואַלד —
גיט דאָס בלימעלע אַ ציטער:
אָ, די שנייעלעך ווי ביטער!...

## דער ווינט רײַסט די בלעטער

אָ, זע גאָט, ווי בייזער וועטער
ער רייסט אַרויס מיר מיינע בלעטער
און שמייסט מיר תמיד אין געזיכט
און לעשט מיר שטענדיק אויס דאָס ליכט!

אָ, זע דאָך, גאָט, ווי איך ווער
פון שאָטנס שוואַרץ פאַרשטעלט,
ווי איך לעב אין פרעמדער וועלט,
ווו די זון דערוויַיל נאָך העלט...

איך האָב פאַרגעסן מיין נאָמען
און ווי צו דערמאָנען...
אויף פעלדער מיט דערנער
געזאָלט שפרייטן קערנער...

און איך שטיי צווישן ווינט
און רוף אַהער מיין קינד —
און צווישן באַרג און טאָל
פאַרשווינדט אינגאַנצן דאָ מיין קול...

## דער שטורעם

בלעטער פאַלן, פאַלן,
שטורעם רייסט די צווייגן —
בוים ער שטייט אין שווייגן
און פינטלט מיט די אויגן!

בייגט דער בוים זיך פאַרן שטורעם,
פאַר די קנאַלן, פאַר די בליצן —
צווינגען זיי מיט לאַנגע בייטשן
בליץ און דונער אויף הימל קריצן.

ליגן צווייגן אויסגעצויגן,
פונעם שטורעם אויסגעריסן —
פון די ווינטן ווייט צעשמיסן,
שטום די קעפּ ביי זיי צעבויגן.

ווערט דער הימל טרוי׳ריק־אַלט,
וואָס יעדער בוים אין פעלד אין וואַלד
איז בלינדן גורל אויסגעשטעלט,
ווען שטורעם ברויזט און טרייסלט וועלט!

## פּ אַ ר ט ר י ב ן

פאַרשטויסן די פייגל
אין נאַכט פון שטורעם און ווינט —
צעבראָכן די פליגל
און געוואָרפן פאַר ווינט...!

געשטויסן צום ווייט,
צום אומבאַקאַנטן לאַנד —
אַרום פראָסט און שניי
אין דעם ווייטן לאַנד.

צום חושך געשליידערט,
צווישן הימל און שטערן —
אויף פליגל פון עראָפּלאַן
דורך פּיין און דורך טרערן!

צו ליידיקע ווענט
געפירט האָט דער וועג —
מיט יאוש און צער
געקומען די טעג...!

צעבראָכן די פליגל,
די פייגל פאַרטריבן —
איצט וואַנדערן די פייגל —
אַזוי איז פאַרשריבן!

## וואָס וויינען די ווינטן

וואָס וויינען די ווינטן
אין פעלד און אין וואַלד,
ווו ס׳לעבט און עס זינגט
די קליינינקע שוואַלב?

עס צינדן זיך שטערן
דורך דער בלויער נאַכט;
דער בייזער גורל
ערגעץ־ווו הילכיק לאַכט!...

וואָס וויינען די ווינטן
טרויערדיק אַזוי?
צי איז עס געוויין,
צי איז עס געשריי?

מיר מענטשן־קינדער
מיט זאָרגן אַזוי פיל —
עלנד נעמט אונדז אַרום,
ווי אַ רייף אין דער שטיל!...

און שנעל, אַזוי שנעל,
די עלטער קומט אָן דאָ —
און גרוי און גרויער
עס ווערט יעדע שעה!...

## זע, מאַמע

זע נאָר מאַמע, ווי דער ווינט
שמייסט מיר אין געזיכט;
און ווילן וויל ער דווקא פאַרלעשן
מיין ווייסינק און בלענדנדיק ליכט...

דאָס ווייסינקע ליכט
פון פרידן און רו —
ווען די גרויע נאַכט
פאַלט שוין באַלד צו...

זע נאָר מאַמע, ווי דער ווינט
וואַרפט מיר שטיינער אין קאָפּ —
און ווילן ווילן ער אים צעברעכן
און בייגן צו דער ערד אַראָפּ...

אָ, זע, ווי דער ווינט
פאַרטרייבט מיינע טריבן,
וואָס ברענגען צו מיין פענצטער
האָפנונג און גלויבן!

אָ, זע, ווי דער ווינט
לאַכט מיט חוצפה אַזוי —
וויל מאַכן מיך שווייגן
מיט מיין ווינד און וויי!...

## דאָס גאָלד פון דער זון

צי קען מען באַגריסן דאָס גאָלד פון דער זון,
אַז שווערער שטורעם ברויזט אַרום?
רייסט און בייגט דעם בוים אין פעלד
און לאַכט אין פנים פון דער וועלט!...

ער קלאַפּט אין פענצטער און אין דאַך
און האַלט דאָך יעדן פויגל וואַך!
און אויך מיר דאָ שלאָפן ניט,
אַז דער שטורעם ברומט אַ ליד!...

וווּ דער לערער און דער היטער,
אַז די וועלט עס שטייט אין ציטער —
קוקט מיט גרויסע פייער־אויגן
שטיל אַזוי דעם קאָפּ געבויגן?

און וואַרט אויף נס, וואָס דאַרף ערשט קומען,
אונטער הימלען, איבער תהומען...
שטורעם זאָל די וועלט פאַרמיידן
און דיביימער ניט פאַרשניידן?...

# איינזאַמקייט און עלנט

## עלנטע מענטשן

די קירכן־גלאָקן זשומען, קלינגען,
און די כאָרן תפילה זינגען.
עלנטע צום אַלטאַר פאַלן
ווי פאַרגייענדיקע שטראַלן...

אָרעמע, איינזאַמע מענטשן,
וואָס גורל האָט ניט געטאָן בענטשן —
זיי פאַלן אויף די קניען
ביים לעצטן זון־פאַרבליען...

און דער אומעט גאַנץ פאַרשווינדט,
פאַר גאָט קניט דאָס אַלטע קינד...
פאַרביי טויבן שוועבן, פליען
אין די הימלען הויך זיי ציען!

און פרייד און שטילקייט הערשט אַרום,
די וועגן גלייך צי עפּעס קרום...
וואָלקנדלעך ווי ווייסע שוואַנען
טראָגן גרוס צו גאָט פון דאַנען!

# אַלײן

I

ניט פרײלעך, ניט לוסטיק בין איך פֿאַרנאַכט,
װען די זון האַלט בײם פֿאַרגײן —
און װוּ איך קום, װוּ איך שטײ
הער איך קול, װאָס שרײט מיר: גײ!

איז אַזױ מיר באַשערט,
צו זײן שױן אין דער פרעמד —
אַפֿילו אין זײדענעם קלײד
פֿיל איך שױן מער ניט קײן פֿרײד...

בײזע װינטן יאָגן
איבער מײן מידן קאָפּ —
װאָס בײגן מיך אַראָפּ,
אַז װײסער טאָג גײט אָפּ!...

און די זון זי גײט ניט אונטער...
אין גערױנגל פֿאַרן לעבן
איז כדאי צו שטײן נאָך מונטער —
און אַ חלום װעבן...

אַלײן אױפֿן שלאַכטפֿעלד
און קײן פֿרײנט בײ דער זײט —
נאָר די זונען־שטראַלן
זײ קומען אָן אין צײט!...

II

איך דרײ זיך אַרום אַלײן
צװישן פּוסטע װענט פֿון שטײן —
און דער אומעט נאָגט און נאָגט,
און דער עלנט פֿון שטוב מיך יאָגט!

ווהין, ווהין? איך פרעג
וו אַנטלויפן פון די טעג?
אפשר גאָר צום גרינעם בוים
אינעם בלויען קלאָרן רוים?

טוליען דאָרט מיין שווערן קאָפּ,
ביז געלע בלעטער פאַלן אָפּ —
און פאַלן צוזאַמען באַגלייך מיט זיי,
אָן אַ טומל און אָן געשריי...!

טראָגן זיך מיטן ווינט
צו דעם בייזן גורל בלינד —
מיט הויפנס בלעטער בלייבן ליגן,
וו דער טויט זינגט־אויס אַ ניגון...

## צו ווע מען

I

ווע מען מיין ווײ אַנגעטרויען,
אויף ווע מען אָנשפּאַרן דעם שווערן קאָפּ
אין דעם טאָג דעם גרויען,
ווען געלע בלעטער פאַלן אָפּ?...

צו ווע מען ריידן געמיטלעך?
צו ווע מען פאַרטרויען אַ סוד?
אַלץ איז צעשניטן אין שטיקלעך,
ווייט פון חסד און גענאָד.

איך נידער אַראָפּ אין פעלד,
עס וועט מיך דער ווינט פאַרוויגן —
צווישן ביימער און צווייגן
וועט ער מיר זינגען אַ ניגון!

און די נאַכט מיט די שטערן
וועלן מיך צודעקן דאָ —
ביזן סאַמע ניט ווערן,
ביז מיין לעצטער שעה...

II

צו וועמען זאָל איך מיין ווײ אָנגעטרויען,
אין דעם טאָג אין כמורנע־גרויען?

צו וועמען צוטוליען דעם קאָפּ,
ווען ער בייגט זיך שטיל אַראָפּ?...

איך שטיי פאַרנאַכט, שטיי שטיל און שטום,
איך הער און הער דעם ווינטס געברום!

נאָר די פרייד מען דאַרף געפינען,
ווו די שטילע קוואַלן רינען...

און זיך צו לערנען ביי דעם בוים
אונטער קלאָרן, בלויען רוים!

ווי צו לעבן דורך פראָסט און שנייען
און זיך צום פרילינגס אָנקום פרייען!

און ווי זיך פרייען מיט בלאַט און בלום
און מיט דער העלער גאָלד׳נער זון!

## די שטיינער

ניט קיין גואל, ניט קיין פריינט,
גיי איך צו די שטיינער היינט!...

ווער איך ריידן צו די שטיינער,
אַז אַנטקעגן קומט ניט קיינער!...

אַז עס איז מיר טרוי׳ריק שווער, —
טיף באַהאַלטן ליגט די טרער!...

ניט פון ווייטע הימלען בלויע
קומט אַראָפּ אַהער דער טרויער...

אַלץ פאַרפלויגן ווי אויף פליגל,
צוריק צום ערשטן קינדער־וויגל!...

אַז אַנטקעגן קומט ניט קיינער,
ווערן פריינט אין גאַס די שטיינער!...

מיטן עלנד זאַלבענאַנד
גיי איך דאָ מיר האַנט אין האַנט!...

## אַן איינזאַמער בוים

(פון ענגליש)

איך בין אַן איינזאַמער בוים
אויפן ברעג פון דעם ים —
אַ כוואַליע האָט מיר אַרויסגעשטויסן
פון בלויען טיפן ים!...

איך רייד צו דער לבנה,
איך רייד צו דער זון —
איך בין אַן איינזאַמער בוים, —
צי ווייסט ווער דערפון?

און איך באַגריס זיי דאָ
אָט אַזוי ווי איך קען —
זיי זיינען פאַר מיר
ווי הימלישער ברען...

איך קען הערן דעם ווינט,
איך קען הערן די שטערן —
ווי זיי זינגען שירה
אין דעם רוים דעם לערן.

איך בין אַן אייזאַמער בוים
אויפן ברעג ביים ים
אין דעם וייטן וועג
איין איינזאַמער בוים!...

## איך זוך אַ טרייסט

אין פינצטערער נאַכט
איך זוך אַ שטערן —
ער זאָל זיך באַווייזן
אַן פיין, אָן טרערן.

אין טעג פון כמאַרעס און פון רעגן
איך זוך אַ שטראַל פון ליכט —
ס׳זאָל זיך באַווייזן פאַר מיר
אַ פריידיק און ליבלעך געזיכט.

אין טעג פון צער און פון פּיין
איך זוך די ווייסע טויב,
וואָס זאָל קומען צופליען
צו מיין בלויער שויב.

און ברענגען אויף פליגל
אַ טרייסט־וואָרט, אַ בריוו —
פון ערגעץ, פון ווייט,
ווען די נעפּלען זיינען טיף!

## אין פעלד

קום איך ווען אין פעלד צו גיין,
דאָרטן צווישן בוים און בלום —
עס איז מיין האַרץ, אַליין, אַליין,
דאָך אַזוי פיל פרייד אַרום!

סטייעס פייגל אַזוי פיל
פליען איבער בּרייטן פעלד —
און פון לעבן, זון און הימל
זינגען זיי אַ ליד צו וועלט.

אַ ליבלעך ווינטל קילט און גלעט,
אַ ווייסער שמעטערלינג פליט־אָן און פאַרשווינדט —
דאָס פעלד איז ווי אַ וואַרעם בעט
און איך פלאַטער צווישן פעלד און ווינט!

אָ, ניין, איך בין ניט אַליין, —
די בלום איז אויפן פעלד;
און דער ריז, דער פעלדזן־שטיין,
דורך בלייכע שמייכלען קוועלט!

טוליע איך מיין קאָפּ צום שטיין
און הער ווי ס'זינגט די בלום —
„עס איז מיין האַרץ אַליין, אַליין,
מיט גרויע דערנער אַרום...״

## אין דער פּרעמד

דו ביסט געגאַנגען אין דער פּרעמד,
געטראָפן קאַלטע, האַרטע ווענט —
עס האָט דיך קיינער ניט דערקענט,
געקומען ביסטו אין דער פּרעמד...

און ס׳האָט האָגל איבער דיר
געריטן מיט שטאַרקע פליגל —
דו ביסט געגאַנגען שטיל געבויגן,
געזונגען האָסטו אַ טרוי׳ריקן ניגון...

און ניט געקומען איז צו דיר
די גוטע, געטרייע שעה —
נאָר דיין טרער איז געבליבן,
אָט ווי אַ צייכן אָט־אָ דאָ...

און די שטילע טרויער־לידער
האָבן געוויינט אויפן פּאַפּיר —
יעדער טאָג געקומען איז ווידער
און עפּעס וואָס פאַרלאַנגט פון דיר...

ביים שוועל זיך געלייגט אַנידער
און געוואַרט געדולדיק לאַנג —
ביז דער יאוש איז אַריבער
אין טרער און אין געזאַנג!...

## ביים ים־ברעג

איך זיץ ביים ים־ברעג שטיל און לאַנג
און זינג מיר דאָרט אַ שטיל געזאַנג —
אָט אַזוי, אַליין, אַליין,
און די זון האַלט ביים פאַרגיין...

ווי אַ בלעטל אין דעם ווינט,
ווייט פון היים, פון הויזגעזינד —
אַ פרעמדע בין איך אין דער פרעמד
און מיין היים איז דאָך פאַרלענדט...

צי וועלן פעלקער דאָס פאַרשטיין?
אַ מענטש אַליין איז גאַנץ אַליין...
ווי דער בוים ביים ברעג פון ים
בליקט צום ווייטן וועג ווי תם...

שווימען כוואַליעס דאָ פאַרביי,
ווייס ווי זילבער, יונג און ניי, —
און ווי פּערל זיי דאָ גלאַנצן,
שנירלעך פערל פולע קראַנצן!

און איך זינג אַ שטיל געזאַנג
צו די כוואַליעס שעהן לאַנג —
און די כוואַליעס מיט געברויז,
יעדע כוואַליע — זילבער־רויז!

## אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגל

אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגל איז געפלויגן
אויפן שטורעמדיקן ים —
איבער די כוואַליעס הויך,
איבער שיפן מיט געדיכטן רויך!

ער איז געפלויגן און געפלויגן
און צו קיין ברעג ניט געקומען —
און דעם גאַנצן גרויל פון ים
כסדר מיט פחד פאַרנומען!...

און דער שטורעם מיט זיילן פייער
געשעדיקטביים פויגל, וואָס ליב און טייער —
און ביי אים אַ פליגל צעבראָכן,
און דאָס ריינע לייב צעשטאָכן...

ווּ וועט דער בלאָנדזשנדער פֿויגל קומען?
אויף וועלכן וועג? אויף וועלכן ברעג?
עס האָט דער שטורעם שווער געשלאָגן
און דעם פֿויגל ווייט פֿאַרטראָגן!...

אַז די זון וועט אויפֿגיין ווידער,
מיט גאָלדענע שטראַלן און מיט לידער —
וועט דער בלאָנדזשנדער פֿויגל
שוין קענען פֿאַרמאַכן די פֿליגל...

## צו וואַקסן דאָ פֿאַרבליבן

בין איך מיר ווי דער בוים אין פֿעלד,
פֿון שטורעם־ווינטן ניט פֿאַרשטעלט —
פֿון דונער־בליצן ניט פֿאַרהיט,
און אָט אַזוי איך שרייב מיין ליד...

ווער דאַרף צו מיר דען קומען היינט?
ניט קיין גואל, ניט קיין פֿריינט —
בלויז דער בוים ביים פֿענצטער דאָ
באַגריסט מיך איידל צו יעדער שעה!

און כ׳זע ווי ס׳פֿליען דאָ פֿאַרביי
פֿאָרלעך פֿייגל ליב און טריי —
אין מחנות פֿליען זיי צוזאַמען,
איילן זיך, ניט צו פֿאַרזאַמען...

און ס׳וויגט אַ ביימל זיך אין ווינט
שטיל און צאַרט ווי אַן אייגן קינד —
און איך פֿרעג דאָס ביימעלע שטיל:
שטייסט שוין לאַנג דאָ? יאָרן פֿיל?

און עס שמייכלט מיר אַנטקעגן:
כ׳בין פֿאַרטראָגן אַהער פֿון וועגן —
און ווען? און וואָס? — ניט פֿאַרשריבן,
און צו וואַקסן שוין דאָ פֿאַרבליבן...

## מײַנע אַ תּפֿילה

אָ, אַ לעבן גיב מיר, גאָט,
צו קענען לעבן אַליין —
ווען ווייסער טאָג שטייט שוין
ביים סאַמע זון־פֿאַרגיין...

אָ, אַ לעבן גיב מיר, גאָט,
צו גיין אַדורך די טעג —
ווען שטורעם און רעגן קומען
מיר אַנטקעגן אויפֿן וועג...

אָ, אַ לעבן גיב מיר, גאָט,
איך זאָל ניט פֿאַלן מיד —
אַז איך זאָל קענען ברענגען צו דיר
מײַנס אַ תּפֿילה, מײַנס אַ ליד!

אָ. גיב מיר, גאָט, כּוח און מוט,
ווירדע, שטאָלץ און פֿיל אויסדויער —
איך זאָל קענען שטיין אַליין
ביי דעם דיכטערס טויער...

## ווי דער אָדלער

צי איז כּדאַי אַ חלום שפּינען?
צי האָט דען אָרים זיין אַ זינען,
אויב ניט צו פֿליען אין די הויכן
און ווי דער אָדלער הימל גרייכן!

צי איז כּדאַי דאָס שטילע לעבן,
ווו אַלץ פֿאַרריגלט איז דערנעבן?
ווו דאָס עלנד זינגט אַ ליד
אין גרויער שעה שטיל און מיד...

און דער דאַך אונטער שטורעם־ווינט,
און די צייט קומט אָן ווי בלינד...
גליקלעך זיינען אָדלער־פליגל,
וואָס טראָגן זיך פון ערשטן וויגל!

שטאַרק און זיכער און ניט געבויגן,
און מיט שטאָלץ אין די אויגן!
פאָרויס, פאָרויס, זיי ציען, ציען,
אין די וויַיטן הויך זיי פליען!

ניט געוואַקלט און ניט געטראַכט,
און דער פלי אַזוי שטיל און צאַרט, —
מיט די וואָלקנס שוועסטער ווערן
ווייט פון ערד און ווייט פון טרערן!...

## די פרייד אויף אַ שעה

ווער ס'איז עלנד אַט ווי איך,
דער זאָל קומען אין שטוב מיין אַריין!
וועל איך שטעלן כּיבוד צום טיש:
ברויט מיט וואַסער און אויך וויין!

זאָל דער אומעט פאַרשווינדן, פאַרוויאַנען,
קומען זאָל די פרייד אויף אַ שעה —
כּל־זמן ביז וואַנען ס'איז נאָך פאַראַנען
לעבן ביי אונדז, ווען מיר זיינען נאָך דאָ...

זאָל אויך זיין אַ יום־טוב
אין מיין שטיבל קליין —
איידער די גאָלדענע זון
וועט אין מערב פאַרגיין...

איידער ס'וועט דער ווייסער טאָג
פאַרמאַכן ביז מאָרגן די אויגן —
וויל איך זיין מוטיק, וויל איך זיין שטאָלץ
און זיך ניט באַווייזן פאַר קיינעם געבויגן...

## צו גאָט

צינד אָן, מיין גאָט, דאָס גרויסע ליכט,
ווען נעפּלען זיינען שוואַרץ און געדיכט —
און עס וואַקלען זיך מיינע טריט
צווישן זאַמדן אין דער מיט...

פאַרלאָז מיך ניט אין שווערע טעג,
ווען גרוי און שוואַרץ עס ווערט דער וועג —
און קאַלטע, ווילדע ווינטן קומען
מיט שטורעם־וועטער און מיט ברומען!

הייב מיך אויף, גאָט, פון די שטויבן,
גיב מיר האָפענונג, גיב מיר גלויבן —
אַז לויכטן וועט די זון באַלד ווידער,
באַווייזן זיך מיט פרייד און לידער!

און אויב פאַלן כ'וועל אין וועג,
בעת אַזעלכע שווערע טעג,
וועט פאַרבלייבן דאָ מיין טרער, —
אַ פינטעלע און גאָרניט מער...

## נעם אויף די טרער

אָ גאָט, נעם־צו וואָס העכער
אין דיין אייגענעם טרערן־בעכער
די טרער פון מאַמע אַליין
בשעת איר לעצטן פאַרגיין!...

צווישן שטורעם און רעגן
אַליין געבליבן אויף די וועגן,
ווו קיינער קומט איר ניט אַנטקעגן
אויף די איינזאַמע וועגן...

גאָט, נעם אויף די טרער
פון אַ מאַמען אַליין,
וואָס שטייט ביים זונפאַרגיין
אין דער פרעמד אַליין!...

ווי אַ זינקנדע שיף
אויף צעשטורעמטן ים —
די כוואַליעס וואַרפן
מיט גאַל און מיט סם...

עס רוישט דער ים,
עס ברומט דער ווינט,
די מאַמע אַליין
פאַרלאָזן פון קינד!

## אונטער בלויע שטערן

וואָס ציט מיך אין די ווייטן,
ווו שטראָמען רינען?
צי וועל איך דאָרטן עפּעס וואָס
אויף דעם וועג געפינען?

צי בלויז די וואָלקנס בלויע,
ווו די שטראָמען רינען —
און פויגלס פלאַטער אויף דעם פעלד
וועל איך דאָרט געפינען?...

און זיך אומקערן מיט ווינט,
באַגלייט פון אַ שטערן —
צוריק צו מיין קליינער היים,
אונטער בלויע שטערן!...

ווו אַ ווינטל איז אַ גאַסט
און אַ שכן איז אַ בוים —
און דער גרינער באַרגביים זייט
אונטער קלאָרן בלויען רוים...

און אין דער נאַכט דער בלויער
מיטן עלנט זיך פאַרשליסן —
און האָפן אויף דעם ווייסן טאָג,
כדי די זון באַגריסן...

## די ווינטן ברומען אין פאַרק

ווען דיביימער קענען ריידן
אפשר וואָלטן זיי דערציילן,
וואָס ס׳איז טיף ביי אונדז פאַרהוילן,
וואָס זיך ס׳טוט ביי עלנטע מענטשן.

און וואָס וואָלטן דאַן דערציילן
די גרינע צווייגן אין בוימס אַרום
וועגן מענטשן, וואָס זיצן און שווייגן
און בליקן שטיל און שטום?...

די עלנטע, וואָס קומען דאָ אַהער,
זיינען ווי די האַרבסטיקע בלומען, נישט מער;
וועלקן ווי די בלעטער,
אין דער שעה דער שפּעטער...

שוואַך און פיבערדיק אַליין,
ביים גאָלדענעם זון פאַרגיין —
האָפן זיי, אַז אַ נס זאָל קומען,
ווען די ווינטן בלאָזן, ברומען...

# שרײַבן לידער

אומעט, אומעט, טיף און שווער,
קומסט אַראָפּ צו מיר אַהער
און באַפעלסט מיר לידער שרייבן —
שווער אַליין איז צו פאַרבלייבן!...

גייסט אַוועק און קומסט באַלד ווידער
מיט לייכטן העמדל אויף די גלידער —
מיט ווייסן העמד פון ווייכן זייד
און ביי דער זייט אַ לאַנגע שייד!...

אין דעם שיידל ליגט באַהאַלטן
פערל, גאָלד פון אַלטע צייטן —
מ׳דאַרף זיי איצטער שלייפן, פיילן
און ס׳ריינע גאָלד פון זיי אויסשיילן...

און דער הימל שניידט מיט בליצן,
און דער ווינט, ער ברעכט די צווייגן —
ווער וועט קומען און באַשיצן
אונדזער פאָלק, וואָס שטייט אין שווייגן?

און די צווייגן פאַלן, פאַלן,
איינס נאָך איינס זיי פאַלן אָפּ —
און עס לעשן זיך די שטראַלן
און בייגן מיך אַראָפּ, אַראָפּ!...

## אָפּקניפּן די פּעדים

ווען די טעג קומען גרויע
אָן זונשיין און אָן ליכט —
נעמט מיר אַרום אַזאַ אָט טרויער,
אַז ס'ווערט פֿאַרוואַנדלט מיין געזיכט...

אַז האָפֿענונג פֿאַרשווינדט
אין דעם ווייט־ווייטן וועג
און זי פֿאַרפֿליט ווי ס'פֿאַרפֿליט דער ווינט
דורך די נעכט און דורך די טעג —

טאָ זאָל זיין כאָטש זאַלץ און ברויט,
אַ טיש און אַ לאָמפּ דערצו —
אַ פּען און פּאַפּיר גרייט,
איידער די נאַכט פֿאַלט צו,

כדי אויף אָט־דעם ווייסן פּאַפּיר
שרייבן קליינע לידער —
ווען אויף ריגל איז פֿאַרמאַכט די טיר
און דו פֿון לעבן ביסט אַ מידער.

זאָלן אותיות דערציילן,
ריידן דורך בלייכע ליפּן,
וואָס אין זיי איז טיף פֿאַרהוילן,
די פּעדים פֿונסניי פֿאַרקניפּן...

## אָ, דו נאַכט

אָ, דו נאַכט, וואָס טיף און שווער,
פֿון די ווייטן קומסט אַהער —
מיט בלויע פֿליגל קומסטו ווידער
און באַפֿעלסט צו שרייבן לידער!

אין אַ ווינקל פֿון מיין צימער
פֿאַרצייכענען פֿון פֿרייד און קומער —
און די בלעטער טייער האַלטן
ווי אַ ספֿר זיי באַהאַלטן...

קומסט, אָ ליד, מיט בלויע פֿליגל
און ברעכסט אַדורך טיר און ריגל —
אייניקע שטערן ברענגסטו מיט
און עס הייבט זיך אָן אַ ליד!

אַ ליד פֿון שטערן און פֿון בלומען
ווען די ווינטן רוישן, ברומען —
און אַ קראַנץ פֿון זאַנגען, קאָרן,
אָ, אַ ליד עס ווערט געבאָרן!

## איך צערײַס

צערײַס איך אַ ליד
אין אומעט געבוירן —
דאַכט זיך מיר אױס,
אַז ס'ווערט שטיל צעפּלױגן!

און ווען ס'טראָגט דער ווינט
דאָס ווײַסע פּאַפּיר, —
דאַכט זיך מיר אױס,
אַז מ'שנײַדט פּעדים פון מיר...

ווי אַנדערש זאָל איך בױען,
ווי בעסער זאָל איך היטן,
אַז אַ ליד זאָל ניט דאַרפן
פון מיר ווערן פאַרשניטן?...

כ'גיס דעם ווײַן פון מײַן ליד
דאָ טראָפּ נאָך טראָפּ —
דאָס ליד זאָל זײַן הױך
און ניט פאַלן אַראָפּ.

## גיטעלע

אַ צאַרטינקע פייגעלע אין מאַרגנבלוי,
איז קינדעלע גיטעלע פּרעכטיק אַזוי —
ווי אַ צווייגעלע טרויבן צווישן זון און ווינט
איז גיטעלע, צאַרטינקע דאָס זוניקע קינד!
אַ דימענט, אַ בלימעלע, אין מאַרגנליכט
איז גיטעלעס מילדע און צאַרטע געזיכט!

אַ קאַרשן־ביימעלע אין זילבערנעם טוי
איז גיטעלע, שיין אַזוי, —
אַ גאָלדענע רויז, געוויגט אין ווינט
איז מיידעלע גיטעלע דאָס געטלעכע קינד!

# אַלגעמיינע לידער

## מײַן שעפעלע

מיין שעפעלע איז אַוועק אין
טיפן וואַלד
און מער צוריק ניט געקומען —
צווישן בייזע וועלף אַליין,
ווו די ווינטן וויינען און ברומען!

מיין שעפעלע האט דעם וועג
פאַרלאָרן
אין טיפן וואַלד גאַנץ אַליין —
עס האָט נאָך הילף גערופן
דאָרט ביים סאַמע זון־פאַרגיין!

צווישן די וועגן און שטעגן
איך זוך די שפורן פון פאַרגיין —
מיין שעפעלע אין וואַלד אַליין,
אָט ביים סאַמע זון־פאַרגיין...

צוריק צום לעבן עס האָט גערופן
דער סאָלאָוויי, וואָס זינגט
אַזוי שיין —
עס האָט מיין שעפעלע נאָך
הילף גערופן,
שוין ביים סאַמע זון־פאַרגיין...

און איך האָב ניט געהערט דעם רוף,
דאָס געבעט אין וואַלד אַליין —
ניט געקומען אין צייט מיט הילף
אין דער שעה פון זון־פאַרגיין...

## ליד און ניגון

אַ דיכטער זינגט אויס אַ ליד,
אַ פידלער שפילט אויס אַ ניגון —
אַ מאַמע פון פראַצע מיד,
איר קינדעלע האַלט אין וויגן!

אַ מענטש האַלט אין אויסרייסן דערנער
און פלייסיק צעאַקערט ער ס׳פעלד —
און האַלט אין פאַרזייען די קערנער
ניט ווייט פון זיין אייגן געצעלט!

אַ פאַסטעך היט אָפּ זיינע רינדער
און בויט זיך אַ שטיבל פון ליים —
ער ברענגט פרישע מילך פאַר די קינדער,
מיט פרייד ער קומט אין זיין היים!

די זון גייט־אויף און פאַרגייט,
דער טוי שפרייט פערל אויף פעלדער —
צום אויפבליען שטייען שוין גרייט
די ביימער אין סעדער און וועלדער!

נאָר ווינטן נאָך בייזע אונדז וויגן,
און ערגעץ־ווו בלאַנקט נאָך אַ שווערד —
צו וואָס־זשע דאָס ליד און דער ניגון,
ווען ס׳איז נאָך אין סכנה די ערד?...

## אַ משל

צווישן שפּאַלטן אין אַ שטיין
שפּראָצט און וואַקסט אַ ביימל שיין —
קוקן צווייגעלעך אַרויס
און די פרייד איז ריזיק־גרויס!

קומט די זון און ס׳קומט דער רעגן
שטייען צווייגעלעך אַנטקעגן —
וויגט דער ווינט אַהער־אַהין
קעמט די בלעטלעך קאָליריק גרין!

שטיפט דאָס ביימעלע מיטן ווינט,
דאַכט זיך ס׳איז אַ צאַרטעס קינד —
בייגט דאָס ביימעלע ווי אַ קרוין זיין קאָפּ,
אָבער ס׳פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ...

וואַקסן וואַקסט עס צווישן שטיין,
אָפּגעזונדערט און אַליין...
און עס שפּראָצט דאָ פול מיט לעבן
און איילט זיך גיך אַ חלום וועבן...

נאָר דער שטיין אַ מאַסע שווער,
זעט מען אָפּט פון בוים אַ טרער —
וואָרצלען טיף פאַרקלעמט אין שטיין,
אָפּגעזונדערט און אַליין!...

## אַ שטיבל

שטייט אַ שטיבל אונטער דאַך,
און דאָס שטיבל ס׳ווייסט אַ סך.
ס׳ווייסט פון שטילע פרויען־טריט,
ווען עס קומט ניט קיינער ניט.

דאָרט פאַראַן אַ גרויסע בעט,
וואָס ניט עס וואַרעמט, ניט עס גלעט —
און אַ צודעק, וואָס דעקט צו,
און ס׳ברענגט ניט קיין נשמה־רו...

דאָרט פאַראַן איז פען, פּאַפּיר,
וווּ אַ מענטש ס׳שרייבט אָפּט אַ שיר —
און לייענט עס איבער פאַר די ווענט,
ווען דער לאָמפּ ער לייכט און ברענט.

דאַן איז ווידער שטיל און שטום,
מ׳הערט קיין שפּאַן אין גאַנץ אַרום —
און אין דער איינזאַמקייט איך האָרך
אויף יעדן סקריפּ, אויף יעדן שאָרך.

## ניט קיין טויב

כ׳בין ניט די טויב,
וואָס פליט אַריין
אין שעכטערס הענט
און ווערט פאַרלענדט!

איך בין אַ קליינטשיק
מענטשן־קינד,
וואָס זוכט זיך צו היטן
פון שלעכטס און זינד!

כ׳בין ניט דער לייב
מיט שטאָלץ און גבורה,
וואָס לעבט אין וואַלד
אַן שרעק אָן מורא!

און טוליעט זיך
צו פרעמדע ווענט
און ווערט פאַרזען
און אָפט פאַרשעמט

פון די בייזע
ווילדע מענטשן —
וואָס ניט זיי שעלטן,
ניט זיי בענטשן!

## ט ו י ב ן

טויבן פליען, טויבן ציען,
הויך זיי הייבן זיך און טראָגן —
איבער ביימער פליען, ציען,
מיט די פליגל פאָכען, יאָגן!

איז דער הימל בלוי און פריי,
ס׳קומט די זון זיי ליב אַנטקעגן —
פליען פאַרלעך ליב און טריי,
מיט אירע שטראַלן אויף די וועגן!

טויבן פליען, טויבן ציען,
ווייט פון מענטשן פון דער ערד,
פול מיט פרייד זיי פליען, בליען,
אַז דעם פליגל־פאָך מען הערט!

ווייסע וואָלקנס ציען אויבן
זיי באַגריסן מחנות טויבן —
טויבן ציען ווייט פון נעסט
מיט די וואָלקנס אין פאַרמעסט!

## איך וואַרט

איך וואַרט, אַז ווייסע טויבן
צופליען זאָלן קומען
און אויף די פּיסלעך טראָגן
בלעטעלעך פון בלומען!

מיט פייגעלעך צוזאַמען
קרייזן אין אַ ראָד —
און שלום־גריסן ברענגען
צו יעדן דאָרף און שטאָט!

מיט פעדערן פון זילבער
און דימענטענע אויגן —
אַהער זיי זאָלן קומען
און צו דער ערד זיך נייגן.

און די זון די גאָלד'נע
זאָל ליכטיקן די ערד —
און אירע שטראַלן שפּרייטן
איבער טאָלן, איבער בערג!

זיץ איך ביי דעם פענצטער
און קוק אַרויס דורך שויבן —
אויף אַן אָנזאָג, אויף אַ פעדער
פון ווייסע שלום־טויבן...

## איך האָב קיין פערל

ווי זאָל איך געפעלן?
און וווּ זיך אָפּשטעלן?
איך האָב דאָך קיין פערל
און אויך ניט קיין גאָלד...

וווּ וועל איך ס'ליד טראָגן,
אַז ווינטן מיך יאָגן
און מיך שוין פאַרטריבן
פון מיין לאַנד דעם ליבן!

איך שרייב דאָך בלויז לידער
פון הויך און פון נידער —
צווישן שטורעם און ווינט
ס'קומט טאָג און פאַרשווינדט!

איך שטיי אונטער ווינט,
ווי אין האַרבסט אַ בוים —
איך שטיי צווישן שטורעם,
אַזוי ווייט פון מיין היים!

## שורות

ווער ס׳געווינט און ווער ס׳פאַרלירט,
פרייד קומט אָפט גאַנץ אומגעריכט!

ווער ס׳האָט זייד, ווער ס׳האָט פערל,
ווער ס׳פאַרמאָגט בלויז שטילע טרערן...

און ווער עס טרעט איבער בלומען אַראָפּ
און ווער ס׳האַלט הויך און שטאָלץ דעם קאָפּ!

און בליקט אויף אַלץ ווי דער באַל׳באָס
און ער ווייסט אַפילו ניט פאַרוואָס...

און ווער עס גייט שטיל און געבויגן
און אַלץ זעט ער מיט ליכטיקע אויגן...

און האַלט זיך ניד׳ריק גלייך מיטן גראָז
און ווייסט אַפילו אַליין ניט פאַרוואָס...

ווער עס לעבט אין רייכע פּאַלאַצן
און קען אַליין דאָס רייכטום ניט שאַצן!...

און ווער עס לעבט אין אַ שטיבעלע קליין,
עלנט פאַרלאָזן און אַליין...

ביידע גייען דעם וועג אויף דער ערד,
ביז אַ שטורעםביידן צעשטערט...

און מאַמע ערד פאַרשלינגט אַלע גלייך,
ניטאָ פאַר דער ערד אָרים צי רייך!

## ווער האָט געררופן

און ווער האָט מיך אַהער גערופן
צו קומען אויף דער ווייסער וועלט?
צי כוואַליעס אויף דעם ים געשליפן?
צי וויינענדיקער ווינט אין פעלד?

ווער האָט געזאָגט מיר: קום אַהער!
דאָס פינפטע קינד ביי מאַמען!
צי אויף די שויבן טרער נאָך טרער
פון קינדערלעך צוזאַמען?

ווער האָט באַשיצט מיר מיינע פיס
מיט זעקעלעך פון פאָדים?
און מיר געגעבן מאַנדלען, ניס,
און בגדימ׳לעך אין חלום?

צי האָב איך פאַרשטאַנען מיין מאַמעס געמיט,
אין נעכט אָן שלאָף, אָן רו?
איר שטיל און אומעטיק וויג־ליד,
ווען געזונגען זי האָט ליו־ליו?

## אַזאַ ווינקל

ס׳איז אַ וווּנדערלעך ווינקל —
נאַטור בלויז און זון,
און ביימער און בלומען
און פייגל אַרום!

די בלומען זיי האָפן
אויף עמעצנס בליק;
אין שיינקייט, אין פראַכט
ליגט באַהאַלטן דאָס גליק!...

דער ווינט קומט און גלעט
אַזוי פון פרי ביז שפּעט —
מעג קומען מענטש, פויגל, צי קינד,
סיי־ווי ער איז דאָך פאַר אַלעמען בלינד...

ער לויפט און יאָגט דערצו
און האָט קיינמאָל קיין רו —
בייגט די בלעטער ווי זייד
און יאָגט זיך פאַרשייט!

און איך אַליין זיץ אַלץ און טראַכט,
באַלד פאַלט צו די בלויע נאַכט —
און דער הימל דעקט אַלץ צו,
ביימער, גראָזן און די רו!

## דאָס בריוו־קעסטעלע

אַט וועל איך ווידער אַרונטערלויפן —
כדי געפינען דעם בריוועלעך־טרעגער,
אַזוי שנעל ווי עס לויפט דער האָז,
ווען ער הערט דעם שאָס פון יעגער...

אויף זיין ציטערדיקן וועג
דורך די לאַנגע טעג,
און ער באַהאַלט זיך אין זיין נאָרע —
צווישן ביימער מיט אַלטער קאָרע.

ווייל איך וואַרט אויף אַ בריוול,
אויף אַ בריוול פון מיין קינד —
פון מיין קינד, וואָס איז אין קריג,
ווייל דער מאַמען, וויי און ווינד!

ווען כ׳געפין, צום גרויסן ווייטיק,
ס׳בריוו־קעסטעלע ליידיק, פּוסט און לער,
פיל איך עס אויס, כדי זיך צו טרייסטן,
מיט מיינער אַן אויסגעבענקטער מאַמישער טרער...

## צווייגן פאַלן אָפּ

ס'האַרץ איז מיד, אַזוי שטאַרק מיד
און עס ווײנט דאָס שטומע ליד, —
און די שטראַלן בלייכע פאַלן
איבער טיפע, שטילע קוואַלן...

און דער יאוש גראָ און שווער
קומט פון טיפעניש אַהער
ווי אויף פליגל פונעם ווינט —
גרויע טעג זיך שאַרן בלינד...

בלינד זיך שאַרן, ברענגען מיט
אָט־דאָס שטומע טרויער־ליד —
און מיר בייגן טיף דעם קאָפּ,
אַז די צווייגן פאַלן אָפּ...

און דער בוים בלייבט נאַקעט שטיין,
ציישן זאַמד און צווישן שטיין —
הערט און הערט ווי ווינטן ברומען
און קיין זונשטראַל איילט ניט קומען...

## היינט און מאָרגן

בין געגאַנגען ווייטע מיילן,
האָב געטראָפן אַן אַלטן ברונעם;
וואָס געדאַרפט אַזוי זיך איילן,
אַז כ'האָב קיין וואַסער ניט געפונען...

איך האָב געשפּאַנט אַזוי ווייט און ווייטער
און האָב געפונען אַ צעבראָכן קריגל;
אַ קו מיט אַן אָנגעפולטן אייטער,
און געפלאַטער פייגלשן פון פליגל...

און אין מערב זון איז פֿאַרגאַנגען —
ווינטעלע האָט זיך צעלאַכט;
האָב איך פֿון אַ בינטעלע זאַנגען
מיר אַ קישן צוקאָפּנס געמאַכט.

און ווען זון וועט אויפגיין ווידער,
באַגינען וועט וועקן פֿון שלאָף —
וועלן דורות זינגען לידער
פֿון חסד און ניט פֿון שטראָף...

## דאָס נעגער־יינגל

ביים פֿענצטער אַ נעגער־ייִנגל
אויף זיין פֿידל שפּילט צאַרט און זאַכט
און די סטרונעס קרעכצן, וויינען
אין דער שטילער זומער־נאַכט!

איבער סטרונעס קלאַנגען טריפֿן —
ס׳שפּילט דער נעגער פֿון צער און פּיין —
דאָס שעפּט ער פֿון דעם האַרץ זיין טיפֿן
און זיין שפּיל דרינגט טיף אַריין!

און די בלומען ביי זיין פֿענצטער,
אויף זיי הערן צאַרטן שפּיל —
בייגן זיי די קעפּלעך איין,
באַהערשט זיי ווערן מיט געפֿיל.

און אַ וואָלקנדל אַ בלויער
איז שטיין געבליבן ביי זיין היים —
הערט זיך צו צום שטילן טרויער,
וואָס זיך טראָגט צום בלויען רוים!

## אַ קינדעלע

אַ קינדעלע איז אַ מתנה אַ גרויסע,
אַז עס בליט ווי ווײַן אין כוסה!

עס איז די זון, עס איז דאָס ליכט,
ווען ס׳איז אַ קינד מיט צאַרט געזיכט!

עס איז די פרייד פון יעדנס לעבן,
וואָס איז אונדז דאָ אויף וועלט געגעבן!

עס איז לעבן, ס׳איז געמיט,
אַ קינדעלע איז דאָס פיינסטע ליד!

אין די טעג, ווען שווער און טריב,
איז אַ קינד אונדז טייער־ליב!

הייליק און טייער די ערשטע טריט,
ווען דאָס קינד וואַקסט און בליט!

ליב און צאַרט איז דאָס קינד,
ווי דער גלעט פון פרילינג־ווינט!

און די מאַמע היט און היט,
און זי הייליקט קינדעלעס טריט!

## די גאָלדענע פלייט

ווער שפּילט דאָס אויף פלייט
מיט איידעלע טענער באַגלייט,
מיט טענער, וואָס גרייכן צו מיר פון ווייטן
און קומען אויף פליגל צו רייטן?

עס איז אַ מעלאָדיע, וואָס איז שווער צו פאַרשטיין —
צי איז עס מוזיק, צי איז עס געוויין?
צי קלאָגט עס אויף עפּעס, וואָס איז פאַרלאָרן געוואָרן,
צי ווײַנט עס אויף עפּעס, וואָס איז נאָך ניט געבאָרן?

דאָס בויערט אין האַרצן מיר טיף,
ווי קרעכץ פון צעבראָכענער שיף —
אַן אומרו ס׳כאַפּט אַן ביי מיר די נשמה
און ס׳קאָן זיין אַ סימן פון גרויסער סכנה...

איך וואָלט דאַן דורך טויער און ריגל
זיך אַנטאָן אין לופטיקע פליגל —
צו גרייכן די גאָלדענע פלייט,
איידער די זון דאָרט פאַרגייט...

## אין אַלטן רוסלאַנד

עס ווערט אַ מענטש געבאָרן
אַן זיין וויסן, אַן זיין ווילן,
איז פאַרמשפט פיל צו ליידן
ביזן לעצטן אָטעם שטילן...

עס ווערט אַ מענטש געבאָרן,
ניט געבעטן, ניט גערופן —
און מיט גאָרנישט ניט פאַרגרייט,
אויסער בלויז די גרויע נויט...

אין די אָרימע שמאָלע געסלעך,
דאָרט געבאָרן, דאָרט פאַרלאָרן —
אין די אָרימע ענגע געסלעך,
דאָרטן קיינמאָל גרויס געוואָרן...

מיט שמאַטעס אויף די פיס,
מיט שמאַטעס אויף די הענט —
צווישן געבויגענע ווענט
האָבן זיך קינדער דערקענט!

פון קיינעם געהיט,
פון קיינעם באַגלייט —

געוואַקסן אין נויט,
אַן שיך און אַן קלייד!

בילדונג איז געווען
אין די היימען די רייכע —
אין די היימען די זאַטע,
צווישן מאַמע און טאַטע!

מיט סעדער אַרום,
מיט גליק און מיט פרייד —
אין זיידענעם קלייד,
ווייט, ווייט פון נויט...

## אויף מײַן גאַס

3 (געווידמעט רבקה בויער)

אויף מיין שמאָלער קליינער גאַס
עס קומט אַ טאָג אַ שענסטער —
אונטער הימל גאָלדיק־בלאָס
בליען בלומען אין די פענצטער!

אויף מיין שמאָלן אייגענעם וועג
עס שפרייט זיך בליאונג גאָלד־קאָליר —
וויקלען זיך דורך לאַנגע טעג,
שפרייטן דופט פאַר מיר און דיר!

אויף מיין גאַס ז׳פאַראַן אַ ברונעם,
וואָס פליסט מיט ווײַן און דופט —
עס איז אַ פרייד אַהינצוקומען,
ווען בלויער שטערן רופט...

און אַ פויגל מיט ברייטע פליגל
באַגריסט דיך מיט דיין קומען —
ער וויגט דיך ווי אין מאַמעס וויגל
און אַרום עס וואַקסן בלומען!

## אַהיים צוריק

אַזאַ פרייד, אַזאַ פרייד
איז אין האַרצן מיין אַריין —
ווי אַ רויטער גוטער וויין,
ווי גאָלד׳נער זונענשיין!

אַהיים, אַהיים, איך גיי צוריק
מיט מיינע ביכער און זשורנאַלן —
זיי וועלן אויפלויכטן דאָרטן
ווי די זוניקע גאָלדענע שטראַלן!...

מיינע לידער און פּאַפּירן,
און די פריינט מיינע געסט —
זיי וועלן באַצירן,
ווי פייגל, דעם נעסט...

די גרויסע שעה קומט אָן,
פאַר איין אייגן היים —
ווי אַ פלאַטערדיקע פאָן,
אונטער שטערן־רוים!

זאָל גורל מיך ניט נאַרן
קיינמאָל, קיינמאָל מער —
שטיל איך גיי מיין וועג
דורך פרייד און אויך דורך טרער!...

## אויף בלעטער

אויף די בלעטער הענגען טרערן,
אויף די פעלדער שפּרייט זיך טוי —
קומט די נאַכט און ס׳קומען שטערן,
פינקלען זיי אין אָוונט־בלוי.

עמעץ האָט דערציילט ביינאַכט
וועגן פיינען שווער און טיף —
האָט זיך ווינט דערביי צעלאַכט:
„לעבן איז אַ בלויע שיף".

אַ שיף מיט אַלטע מאַסטן,
אַרום איז שטורעם־ווינט —
אָנגעלאָדן שווער מיט לאַסטן,
און דער וועג איז ווייט און בלינד.

דורך די נעכט עס פאַלן שטערן
און זיי ליגן אויפן וועג —
דורך די נעכט עס פינקלען טרערן,
מיניען זיך אויף יעדן ברעג!

## אַ וויזיע

### I

אַ ליד וועל איך שרייבן און לאָזן עס פליען,
זאָל ווינט עס צעטראָגן, ווו בלומען בליען —
ווו ווינטל זאָגט קדיש, ס׳זינגט שירה דער בוים,
ווו דאָס פעלד שוין גרינט, אין בלויען רוים!

אַ גרוס ברענגען זאַנגען, זאָגן שלום צו די בלומען,
און צו אַלץ, וואָס איז פאַרגאַנגען, פון שונא
אומגעקומען —
ווו גוטע מאַמע ערד שפּראָצט מיט ווייץ און קאָרן
און הימל שטיל פאַרקלערט, ווײנט אויף וואָס
פאַרלאָרן!...

II

אָ, וויזיע, צינד אָן דאָס גרויסע ליכט
איבער די וואָלקנס געדיכט...
לאָז מיך די בלעטעלעך קלייבן
און אַ ליד אויף זיי אָנשרייבן!

לאָז מיר זילבער־פּערל ציען,
דאָרט, ווו די קאָרן־פּעלדער בליען —
הימל דאָרט איז אַזאַ בלויער, —
ער פּאַריאָגט אַיעדן טרויער...

צינד אָן, וויזיע, ס׳גרויסע ליכט
איבער וואָלקנס גרוי־געדיכט...
לאָז מיר שמייכלען צו אַ קינד,
גוטמאָרגן זאָגן צו דעםווינט!

אַז ער זאָל מיך הייבן, טראָגן,
כדי די אָדלערס צו דעריאָגן —
ווו די זון אין פלאַם פאַרגייט,
איבער פּעלדער ווייט און ברייט!

## ווי פּײַער־בליצן

וואָס האָב איך געבראַכט אַהער? —
בלויז עטלעכע שורות און ניט מער, —
אַ שטילע הייסע טרער
און ניט מער — ניט מער!

ווי זאָל איך די שורות קריצן,
זיי זאָלן לייכטן ווי פּייער בליצן
און אין זיכרון זיך פאַרקלייבן,
אַז מ׳זאָל ניט קאָנען זיי פאַרטרייבן...

זאָלן די שורות זיין מיינע פריינט
אין טעג, ווען ס׳רעגנט און ווען זון שיינט —
זיי זאָלן טיף אין האַרץ אַריין
ווי טראָפּנס פון ריינעם גוטן ווייץ.

און דעם טרויער מיינעם שניידן,
עס זאָל פון אים גאָר ניט פאַרבלייבן —
דערנאָך אַ פינטעלע און ניט מער
און אַ שטילע הייסע טרער!

## אין בלויער נאַכט

שוין צוועלף ביינאַכט: אַלע שלאָפן,
נאָר איך אַליין בין אַלץ נאָך וואַך —
שוין ניט די צייט צו טרוימען האָפן,
איך האָב מיין פענצטער אויפגעמאַכט!

איך זע אַ שטערן איז געפאַלן
צווישן באַרג אין טיפן טאָל —
דאָרט וווּ ס׳שרייען די שאַקאַלן,
דאָרט קומט אויך אָן די פרייד אַמאָל!

דער שטערן האָט זיך גאָר פאַרקייקלט
ערגעץ ווייט, ניט צו געפינען —
ערגעץ־ווו אַ פייקלער פייקלט
און אויך ביי אים די טרערן רינען...

ווי קומט דער פייקלער אין דער נאַכט,
אין בלויער נאַכט גאָר אַהער?
עס האָט אַ ווינט זיך הויך צעלאַכט,
איבער פויק און איבער טרער...

און איך שטיי ביים פענצטער אָפן,
אַזוי וווּנדערלעך איז די נאַכט —
עס איז כדאי איצט ניט צו שלאָפן
און קוקן אין דער בלויער נאַכט!...

## אַ קויש מיט בלומען

איך האָב צעוואָרפן קויש מיט בלומען;
אָ, גאָט, צו וועמען זיינען זיי אָנגעקומען?
צי פאַר די פייגל אויפן גאַס?
צי פאַר דעם אַספאַלט שטום און בלאַס?

צי גאָר פאַר אָדלער, וועלכער פליט
מיט זיין רויב פון זיין שניט?
פאַר וועמען האָב איך געוואָרפן די בלומען,
אפשר פאַרן שונא, וואָס לויערט צו קומען?

פאַר וועמען האָב איך צעוואָרפן די בלומען,
צי אפשר גאָר פאַר האָגל און רעגן,
וואָס באַפאַלן איינעם אויף די וועגן
און שטערן דעם יידישן וואַנדערער צו קומען?

פאַר וועמען פאָרט זיינען די בלומען?
צי אפשר פאַר רשעים אָרום,
וואָס מיט האָס זיי שטורמען, ברומען
איבער די טיפע שרעקלעכע תהומען?...

## אין די בערג

עס דרעמלען נאָך דרויסן פלאַנץ און בלום,
אַ קול רופט מיך שטיל: אין פעלד איצט קום!
איך פאָלג און באַגריס דעם פרימאָרגן־טוי
און דעם ווייטן און קלאָרן מאָרגן־הימל־בלוי!

איך קום אויך באַגריסן ערשטן פייגל־פלי,
אויך שטראַלן פון זון, אין פרימאָרגנגלי;
כ׳זע אויך שפראָץ פון בלום, ערשט פון ערד אַרויס,
אויסגעטראָגן שטיל אין ערדישן מוטערשויס!

און עס זינגען זאַנגען אין פלאַטער פון ווינט,
אַלץ מורמלט, אַלץ רירט זיך, לעבט און גרינט!
אַט זע איך אַ פויגל ווי ער איילט געשווינד
און טראָגט פרישע שפּייז פאַר פויגלקינד!

אויך איילט זיך אַ וועווערקע צו אַן אַלטן בוים —
טראָגט אין מויל אַ ניסעלע, צו זיך אַהיים!

## אַ געבעט צו דער נאַכט

אַ נאַכט נעמט מיך אויף מיט אירע פליגל
און וויגט מיך ווי ס׳האָט מיך מיין מאַמע אַמאָל;
שוין לאַנג פאַרשווונדן איז דאָס וויגל
אויפן וועג צווישן באַרג און טאָל.

אַ נאַכט דעקט מיך צו מיט איר בלויען הימל,
אַזוי ווי דעם וואַנדערער אין וועג;
צוקאָפּנס לייגט זי מיר אַ בלימל —
דעם צייכן פון ליכטיקע טעג.

איך וועל שלאָפן אין געגאַרטער רו,
וווּ די ווינטן פייפן און יאָגן;
וווּ שטערן פאַלן צו ערד צו
און ווערן אין די טיפן פאַרטראָגן.

אָ, נאַכט, נעם מיך צו אין דיינע אָרימס,
פאַרוויג מיך און וועק מיך נישט מער;
מיין פּען איז איינזאַם און אָרים,
ווי אָרים ס׳איז מיין טרוי׳ריקע טרער...

## די נאַכט

זון איז אַט נאָר־וואָס פאַרגאַנגען,
הימל איז נאָך טונקל־בלוי;
לאָז איך פאַרציען פון פענצטער די שטאַנגען
און קוק אין בין־השמשות, וואָס איז אַזוי גרוי.

עס לויכטן אויף די שטערן
און זעען אויס ווי ליכטער —
זייער וועג קען קיינער ניט שטערן,
עס זיינען שטערן־געזיכטער.

די זון אין מערב פאַרגאַנגען,
די שטערן באַלייכטן די נאַכט —
אַ טעפּיך פון שטערן צעהאַנגען
דורך פינגער שטיל און צאַרט!

איך וויל איצט נעמען די שטילקייט,
פאַרגעסן גערויש פון די טעג —
זיך טוליען צו בלויער מילדקייט,
זיך לאָזן מיט חלום אין וועג!

שפּאַצירן צווישן שטערן
און מישן דעם זיכרון —
אַמאָל דורך פּיין און טרערן,
דערמאַנען וואָס פאַרלאָרן!

## די הייליקע נאָנע

זיצט אַ נאָנע אין אַ קירכע הויך,
אַרום איר, אַ פייער־פלאַקער רויך...
און זי אין שוואַרצן זיידן קלייד
בענקט נאָך לעבן און נאָך פרייד...

איז אַוועק זי פון לעבן אַזוי צאַרט, אַזוי יונג,
אַוועק צום הייליקן קירכן־געקלונג —
באַשלאָסן צו זיין אַזוי גוט, אַזוי פרום,
זיצט זי דאָ איצטער אַזוי שטיל און שטום...

נאָר עפּעס עס רופט זי כסדר און מאָנט,
און דאָס לעבן דאָס איז עס, וואָס רופט און
דערמאָנט —
נאָך ניט פאַרוויאַנעט זיינען די בלומען,
וואָס איז ווי דער האָניק צום צעווייטיקטן גומען...

פאַרביי איז אַ שמעטערלינג מיט פאָכיקע פליגל,
ערשט־וואָס אַרויס ער פון מאַמישן וויגל —
פליט ער פאַרביי דאָ ווי פלאַקערדיק פייער,
און ס׳לעבן זיינס איז אים ליב, שטאַרק און טייער...

די נאָנע די פרומע מאַכט צו דאַן די אויגן
און צו דער מאַדאָנע טוט זי זיך בויגן —
אַ שטילע, פאַרבענקטע בייגט זיך איר קאָפּ
צו דער ברוסט, וואָס אָטעמט כסדר אַרויף און אַראָפּ...

## ביי דיינע ברעגן

גאָט, איך שטיי ביי דיינע ברעגן,
ווי אַ שמעטערלינג פאַרנאַכט —
ווינט ער קומט מיר באַלד אַנטקעגן
און איך שטיי נאָך אַלץ פאַרטראַכט.

גאָט, ווו פירן דיינע וועגן?
ווו דער אָנפאַנג, ווו דער סוף?
שטורעם קומט מיר באַלד אַנטקעגן,
פאַרוויגט מיך אין דיין אייביקן שלאָף.

גאָט, וואָס איז פאָרט דאָרטן ווייטער,
צי איז עפּעס דאָרט פאַראַן?
אָדער בלויז בענגאַליש שייטער,
צוגעגרייטער גיהנום־פלאַן?

נו, ווו פירן דיינע וועגן,
ווו די טעג און ווו די יאָרן?
מאַמע קומט ניט מער אַנטקעגן,
ווי ס׳האָט פּאַסירט ביים געבאָרן.

## אַ נס

איך האָב געהאַפּט אויף אַ נס
און דעם וועג ניט געזען,
אַ פינצטערניש אַרום
געמורמלט האָט שטום...

מיטאַמאָל אַזאַ ליכט,
מיטאַמאָל אַזאַ נס!
כ׳בין פון פייער אַרויס,
אַזוי ווי דו זעסט!...

דורכשווומען גרויסן ים
סיי פון פייער, סיי פון פלאַם —
געקומען בין איך צו דעם ברעג,
צו די ליכטיק־שיינע טעג!...

איז מיין פרייד גאָר שטאַרק און גרויס,
ווי אַ קינד אין מאַמעס שויס —
וואָס זיך טוליעט צו דער ברוסט
און געפינט דאָ פרייד און לוסט...

וועל איך טייער האַלטן טעג,
וועלכע קומען אויף מיין וועג —
און וועל בענטשן גאַס און ראָג,
ווו ס׳גייט אויף פאַר מיר דער טאָג!...

## אַ פּאָרעלע צוזאַמען

געגאַנגען, געגאַנגען זײַנען זיי צוויי,
די זון האָט געוואַרימט, געשײַנט;
בלוילעך־בלויע זיך געבויגן פאַר זיי,
אויף פעלדער ווי געטרייע פרײַנט...

ווייט געצויגן האָט דער וועג
צווישן לאָנען און גערטנער פיל —
מיט גאָלד געריַיפט האָט זיך דער שטעג,
געפלאָסן דערבײַ איז אַ וואַסערל שטיל!

אַנטקעגן זיי איז אַ פּאַסטעך געקומען
געשאַלט אויף אַ דין־לאַנגן האָרן;
די שאָף זיי האָבן זיין שאַלן פאַרנומען —
געטרונקען פון וואַסער קלאָרן!

געטרונקען ווי פון גאָלדענעם בעכער
גאָט׳ס האַנט האָט קיינמאָל פאַרמאַכט...
אַ בוים פון אַלע ביימער העכער
האָט הילכיק דערבײַ זיך צעלאַכט!

אַרום האָבן פייגל געפלאַטערט
אַרום זייערע נעסטן אויף גיך;
פויגלשע מאַמע, מיד און פאַרמאַטערט,
האָט געטוליעט דאָס קליינוואַרג צו זיך.

זיי זײַנען געגאַנגען, געגאַנגען,
געקומען צום גרינעם וואַלד —
די זון ווי אַ קרוין איז געהאַנגען —
באַגריסט יעדן נעסט, יעדע שוואַלב!

זיי האָבן דאָ בלימלעך געריסן,
געוואָרפן צו אייגענע טריט —
צוויי הערצער געטרייע געטאָן זיך שליסן
און אַלץ האָט געאָטעמט, געבליט!

## אַ נײַער דור

אַט גייט אויף אַ נייער דור,
העמדעלעך זיך וויגן אין ווינט —
אונטער דער זון, ווייס און קלאָר,
העמדעלעך, זעקעלעך פאַר יעדן קינד!

און אַט קומט אָן אַ נייע פרייד —
אַ ליכטיק קינדעלע אין שטיבל בליט —
אַ צווייטס עס וואַקסט שטילערהייט
און די מאַמע שעפּט נחת און פרייד אין דער מיט!...

מאַמע איז דאָ פול מיט גליק, —
קינדעלעך רינגלען זי אַרום;
יעדעס קינד ס'איז אַ גאָלדענע בריק,
וואָס איז געגליכן צו אַ בלום!...

דער טאַטע קומט פון דער פאַבריק,
ער קומט אַהיים פאַרמאַטערט און מיד —
און טרעפט זיך אָן מיט קינדעלעס בליק,
ווי אַ ביימעלע אין שטוב בליט!...

עס בויען זיך דאָ נייע היימען
און נייע ווענטעלעך עס זינגען —
אַ סך פאַמיליעס, אַלע אינאיינעם,
יונגע שטימעלעך זינגען און קלינגען!...

## קינדער פון אַלע שטאַמען

ס'גייען קינדער פון אַלע שטאַמען —
און זיי קומען דאָ צוזאַמען!

מעקסיקאַנער, פּאָרט'ריקאַנער,
און יאַפּאַנער, און אויך שפּאַניער!

אַמעריקע נעמט זיי אין איר שויס,
אָן אַ חילוק קליין צי גרויס!

אַלע קינדער — פרישע בלומען,
אָט זיי שפּאַנען, אָט זיי קומען!

מיט די לאָקן אין דעם ווינט
און מיט אומשולד יעדעס קינד!

רויטע קליידלעך, ווייסע זאָקן,
שטאָלץ זיי גייען, ניט דערשראָקן!

און מיט אויגן ווי די שטערן,
צו מלאכים זיי געהערן...

און די ליפּלעך קאַרשן רויט
און אַ שטערן זיי באַגלייט!

אויף היגער ערד, אויף היגן באָדן,
מיט ליבשאַפט ווערן זיי באַלאָדן!

אַלע קינדער פון דער וועלט
אין אַמעריקעס גרויס געצעלט!

## אין קאַליפאָרניע

די ווײַנשטאָקן בליען מיט וויין
אונטער זון ווען ס'בלאָזט דער ווינט —
און אַלעס בליט אונטער זונענשיין
און עס בליט אויך אונדזער קינד!

און אין אומעט שטילע היימען
ווער וועט שיצן אונדזערע זוימען?
ווער וועט שירעמען און שוינען
אונדז פון פייער און דינאַמיט?

די תבואה־פעלדער בליען מיט זאַנגען
און פייגל זינגען דערנעבן —
אַ שפע איז אויפגעגאַנגען
און מענטש איילט אַ חלום וועבן

פון ליכטיקע פרייע הימלען
און ברודער מיט ברודער צוזאַמען,
ווו מענטשן רויק דרעמלען
אָן שלאָס, און אָן צאַמען...

## צום הייליקן אָנדענק פון מײַן שוועסטער שרה־חיהנקע

דורך אַלע ווענט און אַלע מויערן
און דורך די גאַסן און די טויערן —
קומסטו שוועסטער מיט געוויין,
מיט יסורים גאַנץ אַליין!

ווייל די גרויע, שווערע נויט
האָט דיך כסדר מיטבאַגלייט —
דורך אַלע וועגן, אַלע שטעגן
ז׳נויט געקומען דיר אַנטקעגן...

דערנער האָסטו אַליין געריסן,
האָסט געלעבט מיט ריין געוויסן —
און האָסט געשפונען ס׳אָרעמע לעבן
מיט אַזויפיל פיין דערנעבן...

און דיין צער פון עלנד, שרעק
אויף דעם לאַנגן מאַרטיר־וועג —
האָסטו דייטש ניט אויסגעמיטן,
דיין איידל לעבן האָט ער פאַרשניטן!

# דער עראָפּלאַן

ווו יאָגט זיך דער עראָפּלאַן
דורך שטורעם־נאַכט און ווינט —
דורך רעגן, שניי און פּרעסט
ווי דער וויכער געשווינד?

איבער בערג, איבער טאָלן,
איבער מדבר, איבער ימען —
ווו יאָגט זיך דער עראָפּלאַן
און איילט זיך ניט צו פאַרזאַמען?

ווו איילט דער עראָפּלאַן
מיט מענטשן צוזאַמען?
צו טויזנט מייל אַ שעה,
איבער לענדער און איבער ימען!

אונטער וואָלקנס און שטערן
אַן איינזאַמער פויגל פליט!
דער וועג איז דורך סכנה
און אַ פּילאָט אין דער מיט!

און וואָס יאָגט ער און איילט
אָנצוקומען צום ברעג,
אַז פול מיט געפאַרן
געשפּרייט איז דער וועג!...

# חנה בושעל־סאָלאָוו — די עמפּינדלעכע פֿאַרליבטע דיכטערן

## (אַ נאָכוואָרט אַנשטאָט אַן אַרײַנפֿירוואָרט *)

### פון י. בירנבוים

חנה בושעל־סאָלאָוו איז דער אויטענטישער אויסדרוק פון דעם, וואָס ווערט באַצייכנט ווי דער נס פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. בײַ אַלע פעלקער ולשונות, און מעג זייער קולטור און ליטעראַטור זײַן נאָך אַזאַ אָרעמע און שוואַכע, איז זייער ליטעראַטור און קולטור אַ דירעקטער המשך פון פריער. אין דער אָנפאַנגשול און נאָך מער אין זייער מיטל־ און הויכשול, אין זייערע טעקסטביכער און כרעסטאָמאַטיעס, האָבן זיי ליטעראַרישע און היסטאָרישע מוסטער־בײַשפּילן פון זייערע פאַרגאַנגענע צײַטן, פון זייערע אַמאָליקע שאַפונגען און טאָמער וויל מען זיך ווידמען צו גײַסטיקער קרעאַציע, דאַרף מען בלויז ממשיך זײַן אויף דער נעמלעכער ליניע, ווען אַפילו בהסכם מיט די נײַע צײַטן. בײַ אונדז, אין אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, האָט געמוזט געשאַפן ווערן אַ יש־מאַין, הגם מיר זײַנען דאָך ווײַט נישט קיין קולטורלאָזיק פאָלק, וואָס דאַרף זיך לערנען בײַ עמעצן, בײַ אַנדערע. אָבער אונדזער מאָדערנע יידישע ליטעראַטור און קולטור זײַנען נישט קיין דירעקטער המשך פון דער פריערדיקער, דער אַמאָליקער, — בײַ אונדז האָט געמוזט פאָרקומען אַ פולשטענדיקער איבערבראָך, אַז ס׳קאָן אַפילו נישט זײַן קיין רייד וועגן ממשיך זײַן דאָס פריערדיקע.

אונדזער אַלטע דורותדיקע ליטעראַטור, אינוויפֿײַט מ׳קאָן זי באַצייכענען ווי אַזאַ, איז געווען מער אַ סכאָלאַסטישע ווי אַ וועלטלעכע. אונדזער וועלטלעכע שול אין אייגנטלעכן זין פונעם וואָרט איז געבוירן געוואָרן מיט בערך פערציק יאָר צוריק, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. וועגן אונדזער אַלטער „שול״, וועלכע איז געווען דאָס חדר, קאָן דאָך זיכער נישט זײַן קיין רייד, אַז מ׳קאָן זי פאַרבינדן מיט דער נײַער שול אונדזערער, און פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך נישט וואָס צו שעמען מיט דערדאָזיקער אַזוי יונגער, אפשר דער יינגסטער ליטעראַטור פון צווישן די פעלקער פון דער וועלט, סײַ אין קוואַליטעט, סײַ אין זשאַנר.

און איז גרויס דער נס פונעם עצם אַנטשטיי פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין אַלגעמיין, איז ער נאָך גרעסער ווען ער באַציט זיך צו די פרויאישע שאַפונגען אין איר. די מאַנסבילן, יינגלעך, האָבן דאָך געמוזט לערנען די טראַדיציאָנעלע ליטעראַטור אונדזערע, די סכאָלאַסטיש־היסטאָרישע: חומש און רש״י, גמרא און תוספות א״אַ און שאַרפן זייערע קעפלעך. בעת פאַר מיידלעך איז דאָס אַלץ נישט געווען קיין חוב. מיט לערנען דאַווענען, אַביסל יידישע מצוות און אַ „שורה־גריזל״ בײַם מלמד זײַנען זיי אָפגעקומען. און נישט געקוקט אויף דעם האָבן מיר אויך דאָ זיך נישט וואָס צו שעמען...

ס׳איז אמת, אַז מ׳שרײַבט נישט צו פיל וועגן איר. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס די מומחים אויף ליטעראַטור בײַ אונדז זײַנען על־פי־רוב מאַנסבילן און ס׳איז בײַ אונדז נאָך פאַרבליבן דער איבערבלײַב פון גרינגשעצונג צו דער פרוי בנוגע גײַסטיקער שאַפונג, אָבער אַזאַ ליטעראַטור פון פרויען איז פאַראַן און דאָס מאַכט דעם נס נאָך גרעסער...

---

* צוליב טעכנישע סיבות קומט דאָס דאָזיקע אַרטיקעלע אָנשטאָט ביים אָנהייב — ביים סוף פונעם בוך.

און ריידנדיק וועגן דער מחברן פון אַט־דעם ביכל לידער האָבן מיר פאַר זיך אַן אמת אייגנאַרטיקן עקזעמפּליאַר פון אַ באַהעם, וועלכע איז פרויאיש פאַרליבט ביז פאַרכלינעטקייט אין אַלץ, וואָס רינגלט זי אַרום. זי איז נאָך אַלץ פאַרליבט אין איר מאַן און חבר, וועלכער איז שוין איבער דרײַ־יאָר טויט; זי איז פאַרליבט אין מענטשן, בײַ וועמען מעשים־טובים זײַנען אַ טייל פון זייער לעבן; פאַרליבט אין דער נאַטור — פעלד, בויט און בלום, און זי פאַרמאָגט אַלץ, וואָס אַ דיכטערן דאַרף האָבן: עמפּינדלעכקייט, צאַרטקייט, פרויאישע אינטואיציע און אָבסערוואַציע־פעיקייט און באַגאַבט מיט אַט־די אַלע אייגנשאַפטן קומט זי אונדז זאָגן וואָס זי האָט צו זאָגן און זי פאַרשעמט אונדז נישט. זי איז אייגנאַרטיק־שפּילעוודיק, בייגעוודיק און לײַכט אין איר שפּראַך. אמת, זי שטעלט נישט אַוועק קיין וועלט־פּראָבלעמען. פון קרוב צו 200 לידער אין ביכל האָבן מיר קוים געפונען פיר, וועלכע קאָנען קוואַליפיצירט ווערן ווי סאָציאַלע; דער רעשט זײַנען אויסדרוקן פון פרויאיש־מוטערלעכער פאַרליבטקייט. און פאַרליבט איז זי אין אַלץ און אַלעמען.

זי איז אויך פול מיט רחמנות צו אַלץ, וואָס לעבט, אָטעמט און בליט: מענטש, חיה, פויגל און פלאַנץ, און דאָס מאַכט אונדז אירע לידער נאָך נענטער צום האַרץ און געמיט. זי ציטערט־אויף ווען זי זעט עמיצן אָפּרײַסן אָדער צעטרעטן אַ בלום אָדער ווען עמעצער פאַרפּאָלגט פייגל און מיט אמתער מוטערשער ליבשאַפט שרײַט זי אויס: ניין, נישט רײַס!

איר באַהעמישקייט זעט מען אויך אינעם אופן פון איר שאַפן; זי זוכט נישט קיין גריבלענדיקן אינטעלעקטואַליזם; אירע לידער זײַנען אַן אויסדרוק פון אינספּיראַציע און אימפּראָוויזאַציע און זי האַלט נישט פון פייל שלײַפן זיי. איז דאָס אַ מעלה און אַ חיסרון. די מעלה איז די אוממיטלבאַרקייט, די דירעקטקייט, האַרציקייט, און דער חיסרון — ס'וואָלט געווען שווער צו שאַפן מוזיק צו זיי. און פּאָעזיע איז דאָך אידענטיש מיט מוזיק. זי האַלט אָבער בפירוש, אַז אַזוי ווי זי שרײַבט איז בהסכם מיט איר דיכטערישן מהות און וויל בשום אופן נישט, אַז מ'זאָל אין אירע לידער עפּעס וואָס ענדערן. נאָך אַ סימן פון אמתער באַהעמישקייט. טעכניק, האַלט זי, איז נישט אין אייַנקלאַנג מיט אינטואיציע — טעכניק איז קאַלט, אויסגערעכנטקייט, בעת אינספּיראַציע איז וואַרעמקייט, ספּאָנטאַנישקייט — אמתע פּאָעזיע.

זי ליידט, בענקט, ליבט און פילט — אַלע אייגנשאַפטן פאַר האַרציקייט אין פּאָעטישן שאַפן — פאַקטאָרן צו זינגען אַ לויב צו דעם, וואָס לעבט אייביק, ווי אַ דאַנק פאַר דער שיינקייט, וואָס זי זעט אין לעבן, און זי פילט אין זיך אַ מיסיע אַט־די שיינקייט אַרויסצוברענגען און צו אינספּירירן אַנדערע, וועלכעס זי דערגרייכט טיילווײַז... און אין דער הײַנטיקער מאַטעריאַליזירטער און פאַרברוטאַליזירטער וועלט איז עס נישט קיין קלייניקייט.

און צום שטאַרקסטן פאַרליבט איז זי אין איר אַמעריקע, אַזוי שטאַרק פאַרליבט, אַז זי זעט אַפילו נישט אירע גרויסע חסרונות און אַפילו אין קאַליפאָרניע, ווו זי וווינט לעצטנס, זעט זי נישט אַז ס'איז נישט אינגאַנצן אַמעריקע נישט אין טעריטאָריע און נישט אין אָפּשטאַם...

נו, אויב פאַרליבטקייט מעג מען דאָך זײַן בלינד...

און וועגן ישראל, איז דאָך שוין אָפּגערעדט...

זי פאַרגעסט אויך נישט אָפּצוגעבן איר חלק פון צער און טרויער צוליב אונדזער פאַרשניטענעם פאָלק און איבעם אָפּטייל „סלאָנים — מײַן געבוירנשטאָט“ נעמט זי אַרײַן די פאַרלענדטע אַלטע היים, אַז ס'צערײַסט די נשמה...

דאָס איצטיקע ביכל איז דאָס צווייטע פון אירע לידער, און וועלכן ס'איז בולט צו זען, אַז אין איר אויטאָדידאַקטישקייט גייט זי פאָרויס און ווען זי וועט זיך נאָך מער איבערצײַגן, אַז אויך טעכניק באַלאַנגט צום שאַפונגס־פּראָצעס, ווען אַפילו קאַלטן, וועלן אירע שאַפונגען ווערן נאָך שלימותדיקער.

# אָפּשאַצונגען

## וועגן דער מחברן פֿון דאָזיקן ביכל און וועגן איר „מיינע בלעטער"

## אַ דיכטערישע שטוב

די דיכטערן חנה בושעל־סאָלאָוו איז געבוירן געוואָרן אין סלאָנים, רוסלאַנד. איר פֿאָטער איז געווען אַ פֿרומער ייִד, אַ מלמד. חנה האָט אָנגעהויבן שרײַבן לידער אין אירע גאָר יונגע יאָרן. קיין אַמעריקע איז זי געקומען מיט איר מאַן, רפֿאל סאָלאָוו, וואָס מיט אים איז זי געווען טעטיק נאָך אין סלאָנים אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אירע לידער האָט זי אָנגעהויבן צו דרוקן אין פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע אויסגאַבן אין ניו־יאָרק, פֿאַר וועלכע זי האָט עטלעכע מאָל באַקומען פּרײַזן. אַליין אַ שטילע, צאַרטע, זײַנען אַזוי אויך אירע לידער, וואָס קומען מיטן חן פֿון שטילער פֿאָלקסטימלעכקייט אַרויס פֿון לעבן, אָטעמען מיט צער און פֿרייד פֿון אַ ייִדישער פֿאָלקסטימלעכער דיכטערן, וואָס האָט איר אייגענעם טאָן און געפֿיל...

אין איר לעצטן בוך לידער האָט זי אַרײַנגענומען מאָטיוון פֿון פּײַן און לייד סײַ פֿון ייִדישן חורבן, און אויך אַ צאָל לידער געווידמעט צו מדינת ישראל. דאָס בוך, וואָס טראָגט דעם באַשיידענעם נאָמען: „מײַנע בלעטער", איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1950 און מיט אַ פֿאָרוואָרט און אַ ליטעראַרישער אָפּשאַצונג פֿון דער דיכטערן שרה רײַזען.

געשריבן אירע לידער האָט די דיכטערן חנה סאָלאָוו אין ווינקל פֿון קיך. כאָטש זי האָט געהאַט נאָך פֿיר צימערן, איז אָבער די קיך געווען איר באַליבט ווינקל גאָר לאַנגע יאָרן, ווו דורכן פֿענצטער האָט אַרײַנגעקוקט חוץ אַ הויכע ציגלנע וואַנט, אויך אַ ברייטצעוואַקסענער, צעצווײַגטער בוים, וואָס האָט תמיד גערוישט מיט בענקשאַפֿט אין ווינטיקע טעג און דערוועקט געפֿילן אין דער דיכטערנס האַרץ.

איר פֿאַרגעניגן און אינספּיראַציע זײַנען אויך געווען די מחנות פֿייגל, וואָס פֿלעגן מיטן פֿרימאָרגן קומען און פּיקן אין אירע שויבן און בעטן עסן.

חנה האָט זיי תמיד געשפּײַזט ווי קליינע קינדער און די פייגל פלעגן עסן פון אירע צאַרטע הענט.

בעת אירע צוויי קינדער זײַנען געווען יונג, האָט זיי חנה געגעבן חוץ איר מוטער־ליבע אויך די אידעאַלן פון פרײַע מענטשן, וואָס זי און איר מאַן האָבן געטראָגן פון זייער יוגנט. די אידעאַלן פון גלײַכהייט און ברייטערלעכקייט צו יעדן מענטש. איר מאַן, רפאל סאָלאָוו, איז געווען די פאַרקערפּערונג פון די שענסטע מידות.

אַ לאַנגיאָריקער באַאַמטער אין אַ פּאָסט־אָפיס, מיט זײַנע קליינע פאַרדינסטן און מיט שוועריקייטן, האָט ער זיך באַמיט צו לאָזן זייערע קינדער שטודירן. האָבן זייערע צוויי זין טאַקע מיט גרויסע אויסצייכענונגען געענדיקט אויף אינזשעניערן. און צו זײַן פרוי איז ער געווען תמיד צאַרט און איידל. ער האָט זי אָפּגעהיט ווי מען היט אָפּ אַ שוואַך קינד אָדער אַן איידעלע פלאַנץ.

רפאל סאָלאָוו האָט ליב געהאַט פּאָעזיע. אַליין געבוירן אין רוסלאַנד, האָט ער זייער ליב געהאַט צו לייענען די רוסישע קלאַסיקער אין אָריגינאַל; ער האָט אָבער אויך געלייענט און געלערנט די ענגלישע דיכטער. ער פלעגט אָפטמאָל ציטירן פּושקינס אַ ליד פון זכרון און גיין איבערן חדר הין און צוריק, מיט זײַן גלײַכער, מענערישער פיגור, און דערבײַ האָבן זײַנע קלוגע, מילדע אויגן ווי אויפגעלויכטן פון באַגײַסטערונג. אויף זײַן פּנים איז תמיד געלעגן אַ גוטער, ליבער, שמייכל.

רפאל סאָלאָוו האָט אָפּגעהיט זײַן פרויס לידער ווי מען היט אָפּ עפּעס אַן אוצר. ער האָט אויך געזאַמלט אַלע אירע געדרוקטע לידער און אַרײַנגעקלעפּט אין אַ בוך, אָפּגעהיט מיט נעמען און דאַטעס פון די צײַטונגען אָדער זשורנאַלן. אויך מיט דער אייגענער איבערגעבנקייט האָט ער אָפּגעהיט לידער פון אַנדערע דיכטערנס און דיכטער, געזאַמלט און זיי אַרײַנגעקלעפּט אין אַ צווייטן בוך.

אפשר האָט ער געוואָלט אַרויסגעבן אַן אַנטאָלאָגיע; אָבער דאָס איז געבליבן אַ סוד. ער איז בכלל געווען אַ פרײַנט פון דער יידישער ליטעראַטור און אַרויסגעוויזן גאָר גרויסע פרײַנטשאַפט צו קאָלעגן שרײַבער, וואָס פלעגן קומען צו זײַן פרוי. רפאל סאָלאָוו האָט זיך צוגעגרייט צו „ריטײַערן“. געהאַט האָט ער אויך פּלענער וועגן ווײַטערדיקן שטודירן, אָבער דער טויט איז שוין געשטאַנען היגטער זײַנע פּלייצעס און געוואַרט אויף אים. ער איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און מיט צוויי טעג שפּעטער געשטאָרבן.

די דיכטערן חנה בושעל־סאָלאָוו, זײַן געטרײַע פרוי, האָט אויפגענומען דעם שווערן קלאַפּ גאַנץ רויק — נישט געוויינט, נישט גערעדט, נאָר געבליבן שטיל ווי אַ בלאַט נאָך אַ גרויסן שטורעם...

איר טיפן צער האָט זי אויסגעדריקט אין אַ ליריש־פילאָזאָפיש ליד:

איך וועל גיין אין פעלד לערנען פון די גראָזן
צו לעבן אין רו, ווען ווינטן בלאָזן;

איך וועל גיין אין וואַלד און לערנען פון בוים,
צו לעבן אין רו און אונטערן רוים;
כ'וועל גיין צו דער זאַנג מיט שטילע טריט
און הערן געזאַנג פאַרן שניט.

אַזוי איז די די דיכטערן געבליבן עלנט, אַליין, אין די גרויסע צימערן, ווו זי און איר מאַן האָבן אָפּגעלעבט אַ סך יאָרן צוזאַמען.

דעם שטאַרקן בוים האָט דער בייזער ווינט אַרויסגעריסן און דאָס שוואַכע ביימעלע איז געבליבן שטיין גאַנץ אַליין...

ווען איך פלעג קומען צו מײַנע טײַערע פרײַנט אין הויז, האָבן זיי מיך אויפגענומען מיט אַזאַ וואַרעמקייט ווי מען בעמט אויף אַ גאַסט, וועלכן מען האָט שוין פון אַ לאַנגער צײַט נישט געזען, כאָטש איך פלעג קומען צו זיי יעדן שבת אָדער יום־טוב.

מיר האָבן שטענדיק געהאַט אַן אמתן עונג־שבת; חנה האָט געשטעלט באַלד כיבוד און גלײַכצײַטיק האָט רפאל סאַלאָוו געבראַכט אַ בוך לידער — דער עיקר, פון יידישע דיכטער און דיכטערנס, ווי אברהם רײַזען ע״ה אָדער פון אַ באַקאַנטער דיכטערן און אַנדערע, וועלכע ער האָט געלייענט. ער האָט אין אַלגעמיין אַרויסגעוויזן אַ גרויסע פרײַנטשאַפט צו קאַלעגן שרײַבערס, וואָס פלעגן קומען צו זײַן פרוי. בכלל האָט מען אַלע מאָל גערעדט פון דיכטער, פון שרייבער און פון ליטעראַטור. אַזוי פלעגן מיר פאַרברענגען עטלעכע שעהן אין אַ גײַסטיקן פאַרגעניגן.

נאָך איר מאַנס טויט האָט זי אַ גאַנץ יאָר געקעמפט מיט איר איינזאַמען לעבן, שטיל אין זיך געטראָגן איר צער און בענקשאַפט, וואָס קיינער האָט נישט געהערט. זי האָט נישט געוואָלט צעברעכן אַלץ, וואָס איז איר געווען אַזוי היימיש, ליב און טייער, און ענדלעך געמוזט באַשליסן אַוועקצופאָרן קײַן קאַליפאָרניע צו אירע צוויי זין און אייניקלעך.

אין דעם אָוונט פאַר איר אַוועקפאָרן איז די דיכטערן געזעסן מיט שטאַרק באַהערשטע געפילן... נעבן איר זײַנען געשטאַנען וואַליזקעס און פעקלעך און זי האָט געקוקט מיט טרויעריקע אויגן אַרום די צימערן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך מיט אַלץ געוואָלט געזעגענען...

חנה האָט אָבער גאַרניט פאַרקויפט פון אירע שטובזאַכן. זי האָט נישט געקאָנט צוזען, ווי איר היים, איר ליבע, שטילע היים, ווערט צעבראָכן, צעשלעפּט, און אַלץ געלאָזט שטיין ווי עס איז געשטאַנען פריער, און פאַרלאָזט דאָס הויז, פאַרמאַכט די טיר און אַוועק מיט איר עלנט אַליין...

ריינע אָפּער־אָפּאַטשינסקי

# פּרויען־מאָטיוו אין דער ייִדישער פּאָעזיע

אויב לייענער פון ייִדישער פּאָעזיע צווייפלען, צי עס איז פאַראַן אַזאַ געביט ווי ספּעציפישע פרויען־מאָטיוון אין דער פּאָעזיע — דאַן וואָלט איך די צווייפלער געבעטן צו לייענען די לידער פון דער דיכטערין חנה בושעל־סאָלאָוו.

מיר מיינען דאָ נישט בלויז די ראָמאַנטישע פרויען־סענטימענטן, אויך נישט די טעמעס, וואָס די דיכטערין חנה בושעל־סאָלאָוו האָט אין אירע לידער.

נאָר גערעכט איז די דיכטערין שרה רײַזען, וואָס זאָגט אין פאָרוואָרט צו חנה בושעל־סאָלאָווס בוך „מײַנע בלעטער": „מיט לעבנס־חכמה פאַרוואַנדלט זי טאָג־טעגלעכקייט און וואָכעדיקייט אין פּאָעזיע".

למשל, אַזאַ צאַרט ליד ווי „אַ דאַנק" ז' 46).

א דאַנק דיר, גאָט,
פאַר די שטילע ווענט
און פאַרן אויוון,
וווּ פייער ברענט

אַ שטול ביי דער וואַנט
און אַ ריינע בעט
דעם קאָפּ צו לייגן
ווען די שעה ווערט שפּעט...

און פּובקען וואַרפן
מיט גאָלדענע פינגער
און ס'ווערט אַזוי
אויפן הארצן גרינגער...

אַ דאַנק דיר, גאָט,
פאַר זאַלץ און ברויט
און ווייסן סערוועט
אויפן טיש פאַרשפּרייט;

אַ דאַנק דיר, גאָט,
פאַר אייגענער שוועל,
וווּ אויפן טיש
אַ לאָמפּ שיינט העל;

פאַר גאָפּל, מעסער —
אַלץ צום טאַקט,
און פאַר דעם זייגער,
וואָס קלאַפּט און קלאַפּט.

וויפל פּשטות אין דעם ליד, און דאָך וויפל דערהויבנקייט! אַ גאַנצע לעבנס־פילאָסאָפיע אַנטפּלעקט זיך אין אָט די דרײַ סטראָפן. ווי ווויל איז צו דעם, וואָס געפינט דאָס גליק אין זײַן היים! דאָס איז די גרויסע ליבע צו אַלץ אין לעבן. און אַזאַ איז אויך די דיכטערין חנה בושעל־סאָלאָוו אַלס מענטש:

מאַמעדיק, באַשיידן און ליב.

שרה קינדמאַן־מעסטל

# פון מינע באַרדאַ־ריווקינס „לידער און איבערבליקן“

איך קלייב און קלייב און קלייב,
פאַרצייכן און פאַרשרייב.
פאַר וועמען און פאַרוואָס,
און צו וואָס טו איך דאָס?

אַ יאוש־ליד, אַ מין קהלת־אויסדרוק: אַלץ איז הבל הבלים.

איז עס כאַראַקטעריסטיש פאַר חנה בושעל. זי פרעגט: דאַרף עמעצער מײַן ליד? און זי ענטפערט זיך: ניין, קיינער דאַרף דײַן ליד נישט. אָבער עס שרײַבט זיך דאָך יאָ. גיט זי זיך אַן עצה און זי געפינט אויס אַ לייענער פאַר איר ליד.

ווײַל ניט קיינער מיינע לידער,
וואַרף איך זיי אַריין אין טייך;
שווימען זיי, ווי ווייסע טויבן,
מיטן שטראָם זיי שווימען גלייך.

אויפן טייך דעם טונקל־בלויען
פאַרט אַ פישער מיט זיין שיף;
שווימט אַ ליד מיינס אים אַנטקעגן —
און ער מיינט, עס איז אַ בריוו.

אַפילו דאָ גלייבט זי נישט, אַז דער פישער וועט זיך פאַראינטערעסירן מיט איר ליד. ניין, ער זוכט גאָר אַ בריוו. זי אַליין ווייסט גאָרנישט, אַז זי האָט באמת דערפרייט דעם פישער מיט איר ליד.

ציט ער עס אַרויס פון וואַסער,
און דאָס ליד, עס פליסטערט צאַרט:
אָ, דו גוטער פישער, ליבער —
כ׳האָב אַזוי נאָך דיר געגאַרט. (ז׳15).

האָט זי פאַרדינט דעם שכר פאַר איר ליד. זי האָט דערפרייט אַן איינזאַמען פישער, און אויך — זיך. זי האָט דערפרייט אין עלנטן מענטשן און באַרעכטיקט איר ליד.

און די הויפּט־זאַך: עס איז פאַראַן אויפריכטיקייט אין איר שרײַבן.

שטערן פאַלן אויף די וועגן,
זאָג, ווער קלייבט זיי אויף?
און ווער קומט אַנטקעגן
אויף די שטערנס רוף? (ז׳ 13).

דאָס זײַנען פיר שורות, געשריבן מיט שטערן־כתב אין הימל, אין בלויען סידור פון הימל.

און די פראַגע איז:

ווער וועט אויפקלײַבן די שטערן און ענטפערן דעם רוף פון די שטערן אין איר געמיט — אירע לידער?

אַזוי זײַנען אַ סך פון אירע לידער: שטיל דורכגעלעבטע, דורכגעפילטע, דורכגעשטערנטע.

איז אַ שאָד וואָס מען פאַרזעט די פרויען־דיכטערנס.

מינאַ באַרדאַ־ריווקין

# פאַרצייכעניש פון די לידער, וואָס גייען־אַריין אין בוך

## אין אָנדענק פון מײַן מאַן און חבר ראַלף סאָלאָוו


פרייטיקצונאַכט ........... 5
מיין חבר איז איינגעשלאָפן .... 6
נאָר איין בערגל שטום ........ 6
לזיכרון ........... 7
צו וואָס מיין טרער ........ 8
מיין חבר און פרייגט ........ 8
צו מיין מאַן ביים לעבן ...... 9
מיין חבר ראַלף ........... 9
ברודער מיינער ראַלף ........ 10
אין הייליקן אָנדענק 1 און 2 .. 11
צי האָב איך דאָס רעכט ...... 12
דיין באָמען ראַלף ......... 13


## ווידמונגען און אָנדענקענישן


מיינע קינדער ........... 14
צו מיין זון בענדזשאַמין ...... 14
צו מיין קינד סעמעלע ........ 15
בענקשאַפט 1 און 2 ......... 16
מיין מאַמע ............. 17
ברענג מיר, מאַמע, טרייסט און רו 18
צו מיין טאַטן 1 און 2 ........ 18
מיין טאַטנס פלייצעס ........ 19
מיין שוועסטערקינד חיה־רחל .. 20
מיין ברודער שעבסעלע אין אָנדענק 21
ווו איז מיין ברודער שבתי? .. 21
מיין פלימעניצע די חלוצה .... 22
מיין לערערן חיהלע גאָזשאַנסקי . 23


## מײַן בוך לידער


מיין בוך לידער 1, 2 און 3 .... 24
דער נס פון שלייפן פערזן .... 26
דער פאַסטעך ............ 26


●

## אַמעריקע אין מײַנע לידער


קאַלאָמבוס 1 און 2 .......... 27
די פרייהייטס־סטאַטוע ........ 28
אייברעהעם לינקאָלן ......... 29
עלענאָר רוזוועלט .......... 30
אין כבוד פון ד"ר סאַלק ...... 31
דער אַמעריקאַנער פליער ...... 32
קאַליפאָרניע ............ 32
אין די בערג פון קאַליפאָרניע .... 33
קאַליפאָרניע אויף די גאַסן .... 34
לאָס אַנגעלעס ............ 34
עלסינאָר 1 און 2 .......... 35
אין האָליוווד ........... 37
דער אַמעריקאַנער קאָבאָי ...... 37
אַ טריילער ............. 38


## ישראל־לידער


דער נגב לעבט־אויף .......... 39
ביים וויגעלע אין ישראל ...... 40
אַ קאַרשנבוים ........... 40
דער נגב וואַרט .......... 41
דער חלוץ אין ישראל 1 און 2 .. 42
אין וועג אַריין .......... 43
פלאַנצןביימער אין ישראל .... 44
צו קינדער ............. 45
אויף אייגענער ערד ......... 45
אַקסל צו אַקסל ........... 46
די כרמל־בערג ........... 47
ישראלס שאָף ........... 47
דוד המלך ............. 48
אין כבוד פון די ישראל־טענצער . 49


## דער יִדישער דיכטער


דער יידישער דיכטער ........ 50
דער בלאַסער דיכטער ........ 51
דער בטלן ............. 51
דער שטילער דיכטער פון יידיש . 52
אין אָנדענק פון פרץ מאַרקיש .. 53
דער יונג־פאַרשטיטענער דיכטער . 54
פאַרשטומט זיינע ליפּן ....... 54
דער דיכטער, וואָס זייט בלומען . 55
דו ביסט די בלום .......... 56
ז'איז אַ בוים אונטער דער זון .. 57
שטילער, שטילער .......... 57
דער היימישער פאַקנטרעגער .. 58
יידישע לערער ........... 59
די שפּראַך יידיש .......... 59
אַ דיכטער ............. 60
אַלעקסאַנדער פושקין ....... 60
שבתדיקע לייכטער .......... 61


●

## סלאָנים — מײַן געבורטשטאָט


סלאָנים מיין געבורטשטאָט .... 62
אַ דערמאָנונג פון סלאָנים ...... 64
מיין היים ............. 65
צום ווינט ............. 66
חלום ............... 66
דערמאָנונג אין וואַרשעווער געטאָ 67
דער מאָנומענט ........... 68
פאַרטיליקט פון די נאַציס ..... 69
שניי דערמאָנט ........... 69
דאָס ייִנגל פון פוילן ........ 70
פרייטיקצונאַכט ........... 71
גלאָקן קלינגען ........... 71

## סאַציאַלע לידער


ברודער געבויגענער ........... 72
קין און הבל ............. 73
אַ פויגל אין שטייגל ......... 74
ס'איז טויט דער ווילדער רייטער . 74


## פרילינג


פרילינג ............... 76
פייפעלעך ............... 76
בלומען־בייטן ............ 77
אַ וואָלקנדל ............ 78
בלומען ............... 78
צום דאָרף ............ 79
אין דאָרף צווישן בערג ...... 79
פייגעלעך .............. 80
פאַרגעס מיך ניט .......... 81
אַ בלום ביים ים .......... 82
אַ ביימעלע ............ 82
די ברכה ............ 83
פלאַנצן בלומען .......... 83
מיט בלומען־קראַנצן ......... 84
ישראל — די יונגע ליליע .... 85
אַ בלום ............ 85
זע, היט־אָפּ ............ 86


●

## אַ בלימעלע אין האַרבסט


אַ בלימעלע אין האַרבסט ...... 87
דער ווינט רייסט די בלומען .. 88
דער שטורעם ........... 88
פאַרטריבן ........... 89
וואָס וויינען די ווינטן ........ 90
זע, מאַמע ........... 90
דאָס גאָלד פון דער זון ...... 91


●

## איינזאַמקייט און עלנט


עלנטע מענטשן ........... 92
אַליין 1 און 2 .......... 93
צו ווערמען 1 און 2 ......... 94
די שטיינער ............. 95
אַן איינזאַמער בוים ......... 96
איך זוך אַ טרייסט ........ 96
אין פעלד ............... 97
אין דער פרעמד ........... 98
ביים ים־ברעג ........... 98
אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגל .... 99
צו וואַקסן דאָ פאַרבליבן ...... 100
מיינע אַ תפילה ........... 101
ווי דער אָדלער .......... 101
די פרייד אויף אַ שעה ...... 102
צו גאָט ............... 103
נעם אויף די טרער ......... 103
אונטער בלויע שטערן ....... 104
די ווינטן ברומען .......... 105


## שרײַבן לידער


שרייבן לידער ............ 106
אָנקניפּן די פעדים ......... 107
אַ, די נאַכט ........... 107
איך צערייס ............ 108
גיטעלע ........... 108


●

## אַלגעמיינע לידער


מיין שעפעלע ............ 109
ליד און ניגון ............ 109
אַ משל ............... 110
אַ שטיבל ............. 111
ביט קיין טויב ............ 112
טויבן ............... 112
איך וואַרט ........... 113
איך האָב קיין פערל ........ 113
שורות ............... 114
ווער האָט גערופן ......... 115
אַזאַ ווינקל ........... 115
דאָס בריווקעסטעלע ........ 116
צווייגן פאַלן אָפּ ......... 117
הייַנט און מאָרגן ......... 117
דאָס נעגער־יינגל ......... 118
אַ קינדעלע ............ 119
די גאָלדענע פלייט ......... 119
אין אַלטן רוסלאַנד ......... 120
אויף מיין גאַס ......... 121
אַהיים צוריק .......... 122
אויף בלעטער ........... 122
אַ וויזיע 1 און 2 .......... 123
ווי פייער־בליצן .......... 124
אין בלויער נאַכט ......... 125
אַ קויש מיט בלומען ....... 126
אין די בערג ........... 126
אַ געבעט צו דער נאַכט ..... 127
די נאַכט .............. 128
די הייליקע נאָנע .......... 128
ביי דיינע ברעגן ......... 129
אַ נס .............. 130
אַ פאַרעלע צוזאַמען ........ 131
אַ נייער דור ........... 132
קינדער פון אַלע שטאַמען .... 132
אין קאַליפאָרניע ......... 133
צום אָנדענק פון מיין שוועסטער 134
דער עראָפּלאַן ........... 135
נאָכוואָרט ........... 136
אָפּשאַצונגען ........... 138